STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 03374

MAYNE KINDER-YORN IN SHOTN FUN HURBN

Mali Haimovitch

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

מאַלי חיימאָוויטש־הירש

מײַנע קינדער־יאָרן אין שאָטן פון חורבן

מײַנע פֿרײַנד שלמה שיטנאָוויצער און טאָני נוסבאָום
אַ דאַנק פֿאַר דער דערמוטיקונג

געווידמעט דעם ליכטיקן אַנדענק פון מײַן מאַן,
דעם בעסטן חבר פון מײַן לעבן — ליפּאַ

מאַלי חיימאָוויטש־הירש

מײַנע קינדער־יאָרן
אין שאָטן פֿון חורבן

פאַרלאַג
י.ל. פּרץ
ישראל

תל־אביב — תשנ״ג 1993

MALI HAIMOVITCH-HIRSH

MAINE KINDER-YORN
IN SHOTN FUN KHURBN

י. ל. פרץ־פאַרלאַג, ברנר 14, תל־אביב

I. L. Peretz Publishing House

14 Brenner Str., TEL-AVIV

כל הזכויות שמורות למחבר

הילע געצייכנט: משה בערנשטיין

©

Printed in Israel 1993

נדפס בישראל תשנ"ג

נסדר ונדפס בדפוס "יחיעם" ת"א, טל: 375 943

קינדער-יאָרן

איך וויל דערציילן וועגן מײַנע קינדער־יאָרן; איך מוז וועגן זיי דערציילן. זיי שטראָמען אין בלוט פון מײַנע אָדערן און איך פיל אַז דאָס שרײַבן וועגן זיי וועט מיר העלפן לעשן די נקמה און ברענגען מנוחה.

איך בין געבוירן געוואָרן אין ראַדעוויץ (בוקאָווינע, רו־מעניע). די רומענער רופן עס **רעדעוץ** און אויף דײַטש האָט עס געהייסן **ראַדאַוץ** — אַ קליין יידיש שטעטל, איבערגעשניטן אין צווייען דורך דער באַנליניע. יידן האָבן זיך געהאַט באַזעצט אין אַ טייל פון שטעטל און דאָרטן געעפנט קלייטן, געוועלבן, וואַרשטאַטן, געבויט שילעכלעך און אַפילו אַ גרויסע שול. געווען דאָרטן יידישע בעל־מלאכות, יידישע דאָקטוירים, יידישע אַדוואָקאַטן און אַ סך יידישע קינדער.

געווען אויך אַ טײַכל — די טאָפּליצע, נישט איבעריק ריין, אָבער ווינטער־צײַט איז די טאָפּליצע פאַרפרוירן געוואָרן און מיר, קינדער, האָבן זיך געקענט דאָרטן גליטשן אויפן אײַז.

מיר האָבן געוווינט נישט ווײַט פון רב. איך געדענק, איך בין אַלט געווען אַז ערך פינף יאָר, האָט מיך די מאַמע גע־שיקט צום רב מיט אַ געקוילעט הינדל, אײַנגעוויקלט אין אַ טיכל. איך האָב עס דערלאַנגט דעם רב און אים געפרעגט צי ס'איז כשר. דער רב האָט גענומען דאָס הינדל און מיך אַ פרעג געטאָן:

— וועמעס טעכטערל ביסטו?

— משה הירש, דעם שוסטערס, — האָב איך געענטפערט.

גיט מיר דער רב צוריק דאָס הינדל און זאָגט:

— גיי צו דײַן מאַמען און זאָג איר אַז ס'איז כשר וישר.

ווען כ'בין שוין געווען בײַ דער טיר, האָב איך געהערט ווי דער רב זאָגט צום שמש:

— ווען כ׳זאָג איר אַז ס׳איז נישט כּשר, וואָלט די גאַנצע משפּחה נישט געהאַט שבת וואָס צו עסן...

אַן אַנדערט מאָל האָט מיך די מאַמע געשיקט צום רבֿ מיט אַ גרויס פליישיק מעסער. זי האָט עס אַנטליִען אַ שכנה און יענע האָט עס געניצט פאַר מילכיקס. זאָגט צו מיר דער רבֿ:

— גײ, מײדעלע, און פרעג די שכנה, צי זי האָט נאָך אַן אַנדער מעסער אין שטוב.

אַז דער רבֿ הייסט מוז מען גײן. באַלד בין איך צוריק־געקומען און דערציילט דעם רבֿ אַז ס׳איז פאַראַן אין שטוב נאָך אַ מילכיק מעסער. האָט מיר דער רבֿ געהייסן אַרײַנשטעקן דאָס פליישיקע מעסער אין דר׳ערד אַרײַן אויף דרײַ מעת־לעת, און נישט פאַרגעסן צו מאַכן אַ סימן דאָרטן, כּדי מע זאָל עס קענען אָפּגעפינען.

איין מאָל האָב איך אין גאַס באַגעגנט אַ גלח. כ׳האָב וויל געוווּסט אַז אין אַזאַ פאַל דאַרף איך אים נאָכוואַרפן אַ שטרוי, נאָר כ׳האָב אַרום זיך בשום־אופן נישט געקענט געפינען קיין שטרוי. איך קום אַהיים אַ דערשראָקענע און די מאַמע פרעגט מיך — וואָס איז געשען?

— גאָרנישט, איך בין מיד.

כ׳בין שוין אַ גאַנצע נאַכט נישט געשלאָפן. אין דער פרי בין איך געלאָפן צום רבֿ. ער האָט נאָך געהאַלטן אין דאַווענען און מיר געמאַכט אַ סימן איך זאָל צוואַרטן. ווען ער האָט פאַרענדיקט דאַווענען, האָט ער מיך געפרעגט וואָס ס׳האָט פאַסירט. איך האָב זיך צעוויינט און כליפּענדיק אים דערציילט די מעשׂה מיטן שטרוי. פרעגט ער מיך:

— וואָס פאַר אַ שטרוי?

— די קינדער טענהן — זאָג איך אים — אַז מע דאַרף נאָכוואַרפן דעם גלח אַ שטרוי.

— באָבע־מעשׂיות — מאַכט ער — אַז דו וועסט נאָך אַ מאָל באַגעגענען אַ גלח, זאָג אים גוט־מאָרגן און זוך נישט קיין שטרוי.

איך בין געווען אַ גרויסער שאַלטיק. אַלץ אין דער וועלט האָט מיט מיר געטראָפן און אַ סך מאָל איז מיר געגאַנגען קאַפּויער. מען האָט געהאַלטן אין איין זאָגן, אַז אַ ייִדישע טאָכטער דאַרף זײַן רויִק און געלאַסן, נישט ווי איך, אַ ווילדע זאַך.

איך האָב זיך אויסגעכאַוועט בײַ מײַן באָבען. די באָבע מיטן זיידן האָבן געהאַט אַ סאָד מיט פּרוכטביימער. אויך ווײַמפּערלעך און אַגרעס זענען דאָרטן געוואַקסן און איך האָב ליב געהאַט זיי צו עסן גרינערהייט. איך געדענק די צוויי עפּלביימער, וואָס נאָר פון קוקן אויף זיי איז מיר געוואָרן זויער אין מויל. דערפאַר זענען אָבער די באַרן אויפן באַרנ־בוים, די ווײַנבאַרן, געווען זיס אַ מחיה. כדי ס׳זאָל אַראָפּפאַלן אַ באַר, פלעג איך אַרויפוואַרפן אַ שטיין אין דער הייך. אַ מאָל איז מיר געראָטן און אַ מאָל איז דער שטיין צוריקגעפאַלן אויף מײַן קאָפּ און איך האָב דערפון געהאַט צו זינגען און צו זאָגן.

איין מאָל האָב איך זיך אַרויפגעדראַפּעט אויף אַ קאַרשנ־בוים, מיט שוואַרצע, זיסע קאַרשן. די באָבע איז אַרויס פון שטוב און מיך געמוסרט:

— עס פּאַסט נישט פאַר אַ ייִדישער טאָכטער צו קריכן אויף די ביימער, אַפילו נישט אויף אַ קאַרשנבוים!

אין שכנות מיט אונדז האָט געוווינט אַ גויִישע משפּחה, וווּ עס זענען געווען צוויי מיידלעך אין מײַן עלטער. איך האָב מיט זיי פאַרבראַכט אַ סך צײַט. אין הויף בײַ זיי איז אויך געשטאַנען אַ הוידעווקע. איך געדענק אַ ווינטערטאָג, ווען כ׳בין געזעסן דאָרטן אין שטוב און זיך געשפּילט מיט פּאָק־רישקעס. אין מיטן שטוב איז געשטאַנען אַן אויסגעצירטע יאָלקע מיט לעמפּלעך און זילבער־פּאַפּיר, וואָס איז מיר שטאַרק געפעלן געוואָרן. מ׳האָט זיך געזעצט צום טיש און מ׳האָט מיך אויך פאַרבעטן צום עסן. פּלוצעם קומט אַרײַן מײַן מאַמע און רופט מיך אַהיים. אויפן וועג דערצײַל איך איר וועגן די

פּײַנע מאכלים וואָס כ'האָב נאָר וואָס געגעסן. ווערט די מאַמע אויפגעציטערט:

— וואָס, דו האָסט געגעסן חזיר־פלייש?

אין דער היים האָט די מאַמע באַלד דערציילט דעם טאַטן און מיר איז נישט גוט געוואָרן און כ'האָב אַלץ אויסגעבראָכן וואָס כ'האָב געגעסן.

צו מאָרגנס האָט די מאַמע מיר אָנגעטאָן אַ יום־טובדיק קליידל און מיר זענען געגאַנגען צום רב. ווען דער רב האָט געהערט וואָס איך האָב אָפּגעטאָן, האָט ער אַראָפּגענומען די ברילן און אַ געשריי געטאָן:

— חזיר האָסטו געגעסן?!

איך האָב זיך שטאַרק צעוויינט און געשטאַמלט:

— ניין, רבי, איך האָב געגעסן שפּײַז...

— נו, אַזוי ווי דו האָסט נישט געוווּסט, וועט עס דיר נישט שאַטן — האָט סוף־כּל־סוף געזאָגט דער רב און זיך אַ הייב געטאָן פון בענקל.

ער איז בלי־ספק געווען אַ צדיק, אָט דער רב, און אפשר טאַקע אַ למד־וואָווניק.

איך בין אונטערגעוואַקסן און אָנגעהויבן גיין אין שול. איך האָב זיך זייער גוט געלערנט, אָבער די מאַמע איז דווקא נישט געווען צופרידן דערפון:

— אַ ייִדישע טאָכטער — פלעגט זי מיר זאָגן — דאַרף קענען קאָכן, באַקן, ראַמען. זי דאַרף נישט זײַן קיין געלערנטע.

איך האָב געהאַט אַ חברטע אין קלאַס, שׂרה־לאה האָט זי געהייסן, אַס האָט זיך אויך גוט געלערנט, און ס'איז שטענדיק אָנגעגאַנגען צווישן אונדז אַ פאַרמעסט, ווער עס וועט טראָגן דעם „קאַטאַלאָג" אין קאַנצעלאַריע פון דער שול. די לערערקע האָט באַשטימט, אַז איין מאָל וועל איך אים טראָגן און איין מאָל שׂרה־לאה.

איין מאָל האָט די לערערקע מיך מכבד געווען איר אַהיים־צוטראָגן אַ בינטל העפטן און אַ טינטערל. גיי איך מיר שטאָלץ

און טראַכט בײַ זיך: װער איז מײַנסגלײַכן? אָט בין איך שױן בײַ דער טיר, װיש מיר די שיך און בין גרײט אַרײַנגײן. די פּאָדלאָגע בײַ דער לערערקע איז געװען פֿון פּאַרקעט, אײַנגעשמירט מיט װאַקס, און גלאַנציק. װי איך האָב נאָר געשטעלט אַ פֿוס, האָב איך זיך אױסגעגליטשט און אַ פֿלי געטאָן ביז צו דער װאַנט. מען האָט מיך אױפֿגעהױבן און אַװעקגעזעצט בײַם טיש. מײַן מזל איז געװען, װאָס דאָס טינטערל האָט זיך נישט צעבראָכן. בײַם טיש האָט מען מיר דערלאַנגט אַ גלאָז טײ. עס זענען געשטאַנען צװײ סלױיקלעך, האָב איך פֿון אײנעם גענומען צװײ לעפֿעלעך און אַרײַנגעשיט אין מײַן גלאָז. איך טו אַ זופּ און פּאַרקרים זיך. אַנשטאָט צוקער, האָב איך אַרײַנגעשיט צװײ לעפֿעלעך זאַלץ. פֿאַר בושה האָב איך מיט טרערן אין די אױגן אַראָפּגעשלונגען די הײסע טײ מיט זאַלץ און בין געלאָפֿן אַהײם, גלײַך צו דער קערניצע. כ׳האָב באַװיזן אַראָפּצושװענקען דאָס זאַלץ פֿון מויל און פֿון גאָרגל.

איך געדענק װי דער טאַטע פֿלעגט מיך אַרױפֿזעצן אױף זײַנע קני און מיר דערצײלן װעגן זיך, װעגן זײַן טאַטן און װעגן זײַן זײדן. דער זײדע זײַנער האָט חתונה געהאַט צו צװאַנציק יאָר. װען זײַן װײַב איז געלעגן געװאָרן און געהאַט אַ ייִנגעלע, איז ער אַרױסגעפֿאָרן אַנזאָגן די בשׂורה זײַן מאַמען. אױפֿן װעג, אין די בוקאָװינער װעלדער, זענען אים באַפֿאַלן גזלנים, אים באַרױבט און דערהרגעט. האָט מען דעם נײַגעבױרענעם טאַקע אַ נאָמען געגעבן ישׂראל — נאָך זײַן טאַטן. אױך מײַן זײדע פֿון טאַטנס צד האָט געהאַט דעם זעלבן גורל. ער האָט צו נײַנצן יאָר חתונה געהאַט מיט אַ מײדל פֿון דאָרנע, אַ שטעטל אין צפֿון־בוקאָװינע. דעריבער האָט מײַן טאַטע אױך געהײסן װי דער טאַטע זײַנער: משה בן מענדל בן ישׂראל כּהן. די באָבע איז געבליבן אַ יונגע אַלמנה און האָט נאָך אַ מאָל חתונה געהאַט מיט אַ ייִדן, װאָס האָט אָבער נישט געװאָלט אַרײַננעמען איר קינד אין שטוב. האָט זי דאָס קינד — מײַן טאַטן — אַװעקגעגעבן דער באָבען און

דעם זיידן פון איר מאַמעס צד. דער זיידע איז געווען אַ מלמד און די באָבע אַ קרענקלעכע. האָט דער טאַטע ביי זיי טאַקע געהאַט אַ שווערע קינדהייט. צו עלף יאָר האָט מען אים אָפּגעגעבן ווי אַ לערן-ייִנגל צו אַ שוסטער. ער איז אויסגע־וואַקסן אַ שיינער יונג, מיט רויטע האָר און בלויע אויגן. ווען ס'איז אויסגעבראָכן די ערשטע וועלט-מלחמה, איז מיין טאַטע אַלט געווען זעכצן יאָר. האָט ער זיך געמאָלדן ווי אַ פריַיוויליקער אין דער עסטרייכישער אַרמיי און געטענהט אַז ער איז עלטער. מען האָט אים געגלייבט אויפן וואָרט און אים טאַקע באַלד מאָביליזירט. ער האָט קיין מאָל נישט מוחל געווען זיין מאַמען, וואָס זי האָט אים קינדוויַיז אַוועקגעגעבן.

דער זיידע פון דער מאַמעס צד האָט געהאַט זיבן טעכטער. ער איז געווען אַ פרומער ייִד און איז אָפּגעזעסן גאַנצע טעג אין בית-מדרש. מע פלעגט אים פרעגן:

— ר' ברוך-הערש, ווי אַזוי וועט איר קאָנען אויסגעבן זיבן טעכטער, קיין עין-הרע?

ער האָט שטענדיק געענטפערט:

— נאָך דעם ווי איך וועל אויסגעבן די מיזינקע, וועט מען נאָך קומען בעטן ביי מיר אַ טאָכטער.

און אַזוי איז טאַקע געווען: נאָך דעם ווי די מיזינקע האָט חתונה געהאַט, איז געקומען צו גיין דער שדכן און געפרעגט צי ער האָט נישט נאָך אַ טאָכטער אויסצוגעבן. אַלע זענען זיי געווען שיינע מיידלער, דעם זיידנס טעכטער, איינע שענער פון דער אַנדערער, און דערצו בריות, פיַינע בעל-הביתטעס.

מיר זענען געווען צוויי קינדער אין דער היים: איך און מיין ברודער, מיט זעקס יאָר עלטער פון מיר. ער האָט געטראָגן דעם זיידנס נעמען, ישׂראל-מענדל, נאָר מיר האָבן אים גערופן מוניו. ער האָט געירשנט פון דער מאַמען איר שטילקייט און איר זויבערקייט. ר'איז געווען דער היפּוך פון מיר, וואָרעם איך האָב מיט דער זויבערקייט נישט געלעבט בשלום און בין געווען וויַיט פון צו זיין אַ שטיל קינד. איך האָב אָפּגעטאָן

שפּיצלער און דער טאַטע מײַנער האָט מיך שטענדיק געדאַרפט ראַטעווען. ער פלעגט טענהן, אַז איך בין אַ כּהנס אַ טאָכטער.

דער טאַטע מײַנער איז געווען אַ שוסטער. מען האָט אים גערופן „משה מיט די גאָלדענע הענט״. כאָטש מע זאָגט אַז בײַ אַ שוסטער גייען די קינדער באָרוועס, האָב איך גע־טראָגן די שענסטע שיכלעך. דער טאַטע איז אויך געווען אַ בעל-מנגן, געדאַוונט פאַרן עמוד און געקענט לערנען. בכלל איז בײַ אונדז געווען אַ פריילעכע שטוב: די מאַמע מײַנע האָט אויך געקענט שיין זינגען, מײַן ברודערל האָט געשפּילט אויפן פידל און איך אויף דער מאַנדאָלינע. איך געדענק נאָך עד־היום די פּעטש וואָס איך האָב באַקומען, ווײַל די סטרונעס פון דער מאַנדאָלינע האָבן בײַ מיר שטענדיק געפּלאַצט.

צוויי יאָר האָב איך זיך אויך געלערנט אין אַ ייִדישער שול — מאָדערן העברעיִש און לשון־קודש. איך געדענק ווי מע פלעגט פײַערן אין שול די ייִדישע יום־טובים, ווי מיר־קינדער פלעגן אַרויסטרעטן מיט פאָרשטעלונגען. איין מאָל האָב איך געשפּילט אין דער ראָלע פון אסתּר המלכּה, אַן אַנדערט מאָל האָב איך געזונגען אין דעם גרויסן זאַל. מענטשן האָבן גראַטולירט מײַן מאַמען פאַר מײַן הצלחה, נאָר די מאַמע איז נישט געווען צופרידן:

—סטײַטש, אַ זינגערן דאַרף איך?!

ס'איז געשען אין די יאָרן 1922 — 1923. ייִדן זענען געפאָרן קיין אַמעריקע. ווי מע „געפינט דאָלאַרן אויף די גאַסן״...

דער מאַמעס צוויי שוועסטער זענען טאַקע אַוועקגעפאָרן און די מאַמע האָט זיי געדאַרפט נאָכפאָרן. זי האָט אָבער נישט געוואָלט אַוועק פון דער היים און אָפּגעגעבן איר בילעט אַן אַנדערער שוועסטער. אַזוי האָט געוואָלט דער גורל: די שוועס־טער אירע האָבן דאָרטן אָפּגעלעבט ביז צו די אַכציק יאָר און די מאַמע מײַנע איז שוין צו פופציק געלעגן אין דר'ערד.

דער גורל האָט אַלץ איבערגעקערט קאַפּויער: אַזוי, למשל, האָט מײַן ברודערל זיך געלערנט אין אַ ישיבה און דער טאַטע

האָט געהאָפּט אַז ער וועט ווערן אַ רב. נישט נאָר וואָס ער איז נישט געוואָרן קיין רב, נאָר ער האָט זיך גאָר פאַרבונדן מיט די קאָמוניסטן. אַ סך יידישע ייִנגלעך האָבן אין יענע יאָרן געחלומט אַז דער קאָמוניזם וועט מאַכן אַ סוף צו דעם אַנטיסעמיטיזם און צו די פּאָגראָמען קעגן יידן. מײַן ברודער האָט ערגעץ געקראָגן אַ שרײַבמאַשין און האָט בײַ אונדז אין קעלער אָפּגעדרוקט קאָמוניסטישע מאַניפעסטן, אין איינעם מיט אַנדערע חברים. אין גיכן האָט מען געכאַפּט איינעם פון די חברה און מ׳האָט אים גענומען צום פאַרהער, פון וואַנען ער האָט די מאַניפעסטן. האָט יענער באַלד געזאָגט, אַז ער האָט זיי באַקומען פון מוניו הירש. באַלד איז געקומען די פּאָליציי און מ׳האָט בײַ אונדז געפונען די שרײַבמאַשין. דעם ברודער האָט מען אַרעסטירט.

דער טאַטע איז געווען אויסער זיך. ער האָט תּחילת גע־מיינט אַז ס׳איז אַ בילבול. סטײַטש, זײַן זון, דער ישיבה־בחור, זאָל זײַן אַ קאָמוניסט... ער האָט עס גאָר נישט געקענט גלייבן.

מלחמה

אין יאָר 1939 איז אויסגעבראָכן די מלחמה. אין יאָר 1940 האָבן די סאָוועטן פאַרנומען בעסאַראַביע און האַלב בוקאָווינע. טשערנאָוויץ איז אַרײַנגעפאַלן צו די סאָוועטן און מײַן שטעטל ראַדעוויץ איז געבליבן אויף דער רומענישער זײַט. עד־היום געהערט עס צו רומעניע.

די רומענער האָבן מײַן ברודער מוניו נישט געמישפּט, ווײַל ער איז געווען מינעריעריק. אָבער פאַר מורא מע זאָל אים נישט אַרעסטירן פון דאָס נײַ, איז ער אַוועק קיין טשערנאָוויץ, צו די רוסן. קיין פרייד איז שוין בײַ אונדז אין דער היים נישט געווען. די מאַמע האָט שטיל געוויינט בײַם אָנצינדן די

שבת-ליכט. זי האָט נישט געקאָנט לעבן װײַט פון איר זון. די רוסן האָבן פאַר אַ קורצער צײַט געעפנט די גרענעץ, כּדי משפּחות זאָלן זיך קאָנען פאַראייניקן. האָט זיך די מאַמע אָנ-געהויבן גרייטן אין װעג אַרײַן. דער טאַטע האָט נישט געהאַט קיין חשק זיך אַרויסצולאָזן פון זײַן היים, ער האָט געהאַט צוגעגרייט קאַרטאָפל אין קעלער און האָלץ אויף צו הייצן אין קאַמער. ס'האָט זיך אים נישט געגלוסט צו פאַרלאָזן זײַן סביבה, זײַן בית-מדרש, װוּ מען האָט אים אָפּגעגעבן כּבוד. עס האָט אים אָבער גאָרנישט געהאָלפן. איך געדענק װי ער האָט באַשטעלט אַ װאָגן מיט פערד, װי מען האָט אױפגעלאָדן אונדזער האָב-און-גוטס און װי מיר זענען אַרויסגעפאָרן צו דער רוסישער גרענעץ. דאָרטן האָבן מיר זיך באַגעגנט מיט דער משפּחה כּהן. ער איז געװען אַ טישלער, און איינער פון זײַנע צוויי זין איז געװען מײַן בעסטער חבר. ער פלעגט מיר טראָגן דעם טאַש אין שול אַרײַן און חברה פלעגט מיר נאָכשרײַען אין גאַס: פּרוי כּהן! דער צווייטער זון איז אַנטלאָפן קיין טשערנאָװיץ אין איינעם מיט מײַן ברודער; איז אים די משפּחה נאָכגעפאָרן.

מיר זענען אָנגעקומען קיין טשערנאָװיץ און מוניו האָט אונדז אָפּגעװאַרט אויפן װאָקזאַל. מען האָט זיך צעקושט און מ'האָט פאַרגאָסן טרערן פון פרייד און פון צער.

טשערנאָװיץ האָט מיר אויסגעזען צו זײַן אַ גרויסע און שיינע שטאָט. הויכע בנינים, אַ טראַמװײַ, װאַסער-לייטונג — דאָס אַלץ האָט אויף מיר געמאַכט אַ שטאַרקן רושם. מײַנע עלטערן האָבן אָנגעהויבן זוכן אַ דירה, קויפן אַ ביסל מעבל און פרוּװן געפינען פּרנסה.

איך האָב מיר געהאַט מײַנע צרות: מען האָט מיך פאַר-שריבן אין אַן אוקראַיִנישער שול. איך האָב נישט געקענט קיין אוקראַיִניש װי די אַנדערע קינדער. איז מיר אַלץ אָנגע-קומען שװער. דער לערער פון גראַמאַטיק האָט געלייגט אויף מיר אַן אויג און האָט מיך יעדן טאָג אַרויסגערופן צו דעם

טאָוול. איין מאָל האָט ער מיר געהייסן, ווי אַ שטראָף, לערנען דרײַ זײַטן אויף אויסנווייניק. איך בין געזעסן און האָב געלערנט און געקענט די דרײַ זײַטלעך ווי אַ וואַסער. אָבער ווי נאָר ער האָט מיך צו מאָרגנס אַרויסגערופן צו דעם טאָוול, האָב איך אַלץ פאַרגעסן. ער האָט מיר געהייסן אויסשטרעקן די האַנט. ווי נאָר ער האָט דערזען אַ רינגל אויף מײַן פינגער האָט ער אַ געשריי געטאָן: „בורזשויקע!” דערנאָך האָט ער גענומען אַ לינעאַל און מיר אַ זעץ געטאָן דערמיט איבער דער דלאָניע. איך בין אַהיים געגאַנגען מיט אַ געשוואָלענער האַנט און די מאַמע האָט מיר געלייגט קאָמפּרעסן מיט קאַלט וואַסער. צוריק אין שול בין איך מער נישט געגאַנגען. שפּעטער האָט מיך דער טאַטע פאַרשריבן אין אַ ייִדישער שול, ווו איך בין שוין געווען צווישן די ערשטע תּלמידים. דאָ האָב איך שוין געהאַט נײַע חברים און איך פלעג מיט זיי אַרומשפּאַצירן איבער די גאַסן פון דער שיינער, גרויסער שטאָט.

דער טאַטע איז נתפּעל געוואָרן פון דעם טשערנאָוויצער גרויסן טעמפּל, אויף דער טעמפּל־גאַס. פאַר די ימים־נוראים האָט דער טאַטע געקויפט דאָרטן פּלעצער פאַר זיך און פאַר דער מאַמען און ער האָט זיך גאָר נישט געקענט גענוג חידושן פון דער שיינקייט אין טעמפּל, פון די קרישטאָלענע לאָמפּן און פון דעם ערשטקלאַסיקן חזן וואָס האָט דאָרטן געדאַוונט פאַרן עמוד.

ווי אַ שלעכטער אָנזאָג, איז אויף די גאַסן אַרומגעגאַנגען אַ משוגענער און געהאַלטן אין איין שרײַען: „אַ בראָך! אַ בראָך.”

דערווײַל האָבן די רוסן אַראָפּגענומען די אַלטע עסטרײַ־כישע און רומענישע מאָנומענטן און אומעטום אַרויפגעשטעלט רויטע שטערן. דעם „רינגפּלאַץ” האָבן זיי איבערגעמאַכט אויף „דער רויטער פּלאַץ”. די סאָוועטישע סאָלדאַטן האָבן גע־זונגען פּאָלקסלידער, וואָס איך געדענק זיי ביזן הײַנטיקן טאָג. דאָס לעבן איז זיך געגאַנגען זײַן גאַנג.

מײַן ברודער האָט געאַרבעט בײַ דער אָרטיקער צײַטונג

„ראַדיאָנסקאַ בוקאָווינאַ״, וווּ ער האָט געשריבן זײַנע סאָציאַ־ליסטישע אַרטיקלען. ביז אין איינעם אַ טאָג, ווען דער ברודער מײַנער, מוניו, איז אַרײַנגעקומען און אַ זאָג געטאָן:

— די דײַטשן קומען! איך האָב אַ לאַסטאויטאָ פון דער אַרבעט, פּאַקט צונויף די זאַכן און לאָמיר אַוועק פון דאַנען!

איך געדענק וואָס דער טאַטע האָט אים געענטפערט:

— איך וועל נישט גיין נאָך דײַן קאָפּ.

און דערויף האָט מײַן ברודער געזאָגט:

—אַז איר בלײַבט, בלײַב איך אויך. מיר טאָרן זיך נישט צעשיידן. וואָס ס'זאָל נישט זײַן מוזן מיר בלײַבן אין איינעם.

די דײַטשן זענען אַרײַנמאַרשירט און צווישן זייערע ערשטע אויפטוען האָבן זיי אונטערגעצונדן דעם גרויסן טעמפּל. איך בין געשטאַנען אויפן דאַך פון הויז וווּ מיר האָבן געוווינט און האָב געקוקט ווי דער טעמפּל ברענט. אַ לאַנגע צײַט האָט ער געברענט.

נאָך די דײַטשן זענען געקומען די רומענער און מען האָט זיך באַלד אַ נעם געטאָן צו די ייִדן. עס האָט אָנגעהויבן אויס־פעלן עסנוואַרג. מײַן טאַטע האָט קוים געקענט אײַנקויפן אַ זעקל מעל און אַ זאַק קאַרטאָפל. אַלע מענער פון פופצן ביז פינף און פופציק האָט מען גענומען צו צוואַנגאַרבעט, צו קערן די שטראָזן; צווישן זיי די טשערנאָוויצער ייִדישע אינטעליגענץ, די דאָקטוירים, וויסנשאַפטלערס, שרײַבערס און קאָמפּאָזיטאָרן.

נאָך אַ קורצער צײַט האָט מען אַרײַנגעטריבן די ייִדן אין געטאָ. מיר האָבן קוים געפונען אַן אָרט אין אַ קליין צימערל, וווּ מיר זענען געזעסן אין אַ שוידערלעכער ענגשאַפט און זיך געשראָקן פאַר דעם מאָרגנדיקן טאָג, ווײַל מיר האָבן נישט געוווּסט וואָס עס דערוואַרט אונדז.

און באַלד האָט מען מודיע געווען, אַז היות טשערנאָוויץ איז אַ פראָנט־געגנט, וועט מען אונדז אַרויסשיקן אויף „רוזקע־רע״ ערטער. און מיר האָבן געגלייבט אַז מע וויל טאַקע אונדזער טובה... די מאַמע האָט באַוויזן צו באַקן קיכלעך פאַרן וועג. מיר האָבן אָנגעטאָן אויף זיך צו צוויי פאַר הויזן

און צװײ קלײדלעך, כּדי נישט צו שלעפּן מיט זיך קײן סך באַגאַזש.

מען האָט אונדז קודם צונױפגעטריבן אויף אַ זאַמלפּלאַץ און פון דאָרטן אָפּגעשיקט אויפן װאָקזאַל, װוּ עס האָבן שוין אויף אונדז געװאַרט די פי־װאַגאָנען. אין אַ גװאַלדיקער ענג־שאַפט זענען מיר אָפּגעפאָרן אין די פאַרשלאָסענע װאַגאָנען אַ לאַנגע צײַט. עד־היום װעקט מיך נאָך פון שלאָף דאָס קלאַפּן פון די רעדער אין יענע נעכט. איך געדענק װי מיר האָבן אויסגעבראָכן אַ ברעטל אין װאַגאָן און פאַרהאַנגען מיט אַ לײַלעך די עפענונג, װאָרעם אין װאַגאָן זענען נישט געװען קײן שום היגיענישע באַדינגונגען און די לופט איז געװען געדיכט און פאַרשטונקען. אַזױ זענען מיר אָנגעקומען צום ברעג פון דניעסטער, אין דעם שטעטל אַטאַקי.

אַז מען האָט געעפנט די טירן פון די װאַגאָנען זענען מיר פּשוט אַרױסגעפאַלן אין דער קלעפּיקער בלאָטע. עס האָט גערעגנט און מען האָט קוים געקענט אַרױסשלעפּן די פיס פון דער בלאָטע. אַזעלכע בלאָטעס האָבן מיר אין ראַדעװיץ נישט געזען... באַלד האָט מען אונדז אַריבערגעפירט דעם דניעס־טער אויף גרױסע פלאַטפאָרמעס, און מיר זענען געװען אין מאָגיליאָװ־פּאָדאָלסק, װאָס האָט געהערט צו דער טעריטאָריע, װעלכע די רומענער האָבן זי אָנגערופן „טראַנסניסטריע״ און זי איז טאַקע געװען אונטער רומענישער שליטה.

די שטאָט איז געװען שטאַרק צעשטערט פון די קאַמפן און אויך פון די פאַרפלײצונגען, װען דער דניעסטער איז אַריבער איבער די ברעגן. מיר האָבן קוים אָפּגעזוכט אַ חורבה, װוּ דעם קאָפּ אָװעקצולײגן און אָנטשלאָפן צו װערן. מיר זענען געװען אויסגעשעפּט פון יסורים און פון קעלט. אַזױ האָט זיך בײַ אונדז אָנגעהױבן אַ נײַער קאַמף צו בלײַבן לעבן.

בײַם אָנהײב איז אין מאָגיליאָװ בכלל נישט געװען קײן האַנדל מיט געלט. אַלץ האָט מען געביטן. פאַר אַ מלבוש אָדער אַן אַנדער חפץ, װאָס מיר האָבן באַװיזן מיטצובריינגען, האָט מען בײַ די גױים געקענט קויפן אַ ברויט צי אַ פּאָר קאַרטאָפל.

חורבן־יאָרן

איך פֿיל אַז איך מוז דאָ מאַכן אַן איבעררײַס און דערצײלן, אַז צוריק מיט אַ צײַט האָב איך אָנגעשריבן אַ ביכל אויף העברעיִש מיטן נאָמען „לטרנסניסטריה ובחזרה״. איך האָב דאָס ביכל צעשיקט צו דעם נשׂיא המדינה, צו דעם פּרעמיער בעגין, אין „יד ושם״, אין קיבוץ לוחמי הגיטאות און אַנדערע אינסטי־טוציעס, פֿון װעלכע איך האָב באַקומען פֿײַנע אָפּרופֿן. בלויז אַ טײל פֿון מײַנע לאַנדסלײַט זענען נישט געװען צופֿרידן. זײ האָבן געטענהט, אַז איך האָב זיך געדאַרפֿט מיט זײ אַן עצה האַלטן, אַז איך האָב אַ סך זאַכן פֿאַרגעסן און אַנדערע נישט פּינקטלעך איבערגעגעבן. איך בין זיך מודה : איך האָב אָנגע־שריבן בלויז װאָס איך האָב איבערגעלעבט, װי אַזוי דער אומ־גליק האָט מיך געטראָפֿן, און האָב נישט קײן פּרעטענציע אַז דאָס איז די געשיכטע פֿון דעם װאָס די בוקאָװינער ייִדן האָבן געליטן אין טראַנסניסטריע. איך בין זיכער, אַז אַפֿילו װען מײַנע אַ צװילינג־שװעסטער װאָלט געשריבן װעגן יענער צײַט, װאָלט עס אויסגעזען אַנדערש. איך װיל בלויז בעטן מחילה בײַ די אומגעקומענע, בײַ אַלע פּאַרשניטענע אין דעם גרויסן חורבן, פֿון אױשװיץ ביז קײן טראַנסניסטריע, װאָס איך באַ־טראַכט זײ װי קדושים, געהרגעטע אויף קידוש־השם, און איך װיל אויך בעטן מחילה בײַ די לעבן־געבליבענע, װאָס זענען אין מײַנע אויגן גיבורים.

נישט אַלץ געדענק איך און נישט װעגן אַלץ האָב איך געשריבן. אַט װילט זיך מיר דערמאָנען װעגן אַ ראַדעװיצער חברטע מײַנער, װאָס האָט געהייסן שׂרה־לאה, װאָס מיר האָבן זיך מיט איר באַגעגנט אין מאָגיליאָװ. זי האָט מען געהאַט פֿאַרטריבן פֿון ראַדעװיץ מיט אַ קורצער צײַט שפּעטער װי אונדז, טשערנאָװיצער, און מיר האָבן זיך שוין געטראָפֿן אין מאָגיליאָװ.

שרה־לאהס טאַטע האָט געהאַט אַ קרעטשמע אין ראַדעוויץ. ווען מ׳האָט אַרויסגעטריבן די ראַדעוויצער ייִדן, איז געקומען צו שרה־לאהס טאַטע אַ גוי און אים געהייסן געבן די שליסל פון דער קרעטשמע. דער ייִד האָט געטענהט, אַז ער קען זיך בכלל נישט אַרויסלאָזן אין וועג, ווײַל ער האָט אַ קראַנק ווײַב, וואָס קען זיך פון בעט נישט רירן. האָט דער גוי אַרויסגענומען אַ רעוואָלווער, איז אַרײַן אין שטוב, און געשאָסן די קראַנקע מוטער פון שרה־לאהן. דער טאַטע מיט דער טאָכטער זענען באַלד אַנטלאָפן, זענען אָנגעקומען קיין בערשאַד אין טראַנס־ניסטריע, און פון דאָרטן האָט שרה־לאה זיך אַוועקגעלאָזט איבער די פעלדער צו די רוסישע פּאַרטיזאַנער, ווו זי האָט אַרויסגעוויזן אַ סך העלדישקייט. נאָך דער מלחמה איז זי פון רוסלאַנד געקומען קיין ראַדעוויץ, איז גלײַך אַרײַן צו דעם גוי וואָס האָט זיך געהאַט באַזעצט אין איר טאַטנס קרעטשמע און האָט אים אויפן אָרט דערשאָסן. אַזוי האָט זי נקמה גענומען פאַרן טויט פון איר מאַמען. איך האָב זי שטאַרק מקנא געווען דערפאַר.

מיטן אָנקומען קיין מאָגיליאָוו האָט זיך אונדזער וואָגלען נישט פאַרענדיקט. פון דאָרטן האָט מען אונדז געטריבן ווײַטער קיין פּעטשאָראַ, אין אַ גרויסן וואַלד, וואָס האָט אַ מאָל געהערט צו גראַף פּאָטאָצקי, און ווו לונגען־קראַנקע פלעגן זיך קומען היילן. דער וועג אַהין, אין רעגן און קעלט, איז געווען אַ טויטנמאַרש. עס האָט אָנגעהויבן שנייען און לענג־אויס דעם וועג זענען אַ סך פאַרפרוירן געוואָרן און געבליבן ליגן אונטער אַ בערגל מיט שניי. געפירט האָט אונדז, אַן ערך פיר הונדערט מענטשן, אַ פאַרשלאָפענער זעלנער אויף אַ געפּגרט פערדל. עמעצער האָט אַ זאָג געטאָן, אַז ווען מיר זאָלן אויף אים וואַרפן בלויז אונדזערע היטלער, וואָלט ער געהרגעט געוואָרן. מיר האָבן אים אָבער נישט געהרגעט, ווײַל מיר האָבן נישט געהאַט וווּאַהין צו אַנטלויפן. איבער אונדז איז געהאַנגען אַ בלײַערנער הימל און די ערד איז געווען צוגעדעקט מיט אַ טיפן שניי.

אין אַ דאָרף, לוטשינטשיק, האָט מען אונדז אַרײַנגעלאָזט אין אַ חורבה. פֿאַר עטלעכע זאַכן האָט מײַן מאַמע געקריגן עפּעס צום עסן. פּלוצעם האָט זיך געיאָוועט אַ שיכּורער אוקראַינער מיט אַ גלאָז אין האַנט און האָט געשריִען אַז ער וויל פֿון דאָזיקן גלאָז טרינקען ייִדיש בלוט. זײַן שיכּורן פּרצוף וועל איך קיין מאָל נישט פֿאַרגעסן. מיר זענען אַנטלאָפֿן. דער טאַטע איז געגאַנגען פֿאָרויס אויסצוטרעטן דעם וועג, כּדי עס זאָל פֿאַר אונדז זײַן גרינגער צו גיין. קעגן אָוונט זענען מיר אָנגעקומען אין אַן אָרט וווּ ס'איז געווען אַ צוקער־פֿאַבריק. די מאַמע האָט ווידער אָוועקגעגעבן עטלעכע זאַכן, מע זאָל אונדז לאָזן איבערנעכטיקן. גאַנץ פֿרי האָט אונדז די גויע געוועקט און געהייסן גיין, ווײַל עס דאַרפֿן קומען די אַרבעטער אין פֿאַבריק און זי וויל נישט מע זאָל וויסן אַז זי האָט אויסבאַהאַלטן ייִדן.

זענען מיר געגאַנגען ווײַטער אין שניי. מיר האָבן זיך שוין אויסגעלאָזט די כּוחות. איך האָב אַלץ געבעטן דעם טאַטן ער זאָל מיך לאָזן אַ ביסל זיצן, נאָר ער האָט מיר געהייסן איך זאָל זיך שטאַרקן, ביז מיר וועלן אָנקומען אויף אַן אָרט.

פּלוצעם האָבן מיר דערהערט דעם רעש פֿון אַן אויטאָ. דאָס איז געווען אַ זעלטנקייט אין יענער צײַט און אין יענער געגנט. דער טאַטע האָט אָפּגעשטעלט דעם אויטאָ און געוואָלט געבן דעם שאָפֿער געלט, ער זאָל אונדז מיטנעמען. קיין געלט האָט ער נישט געוואָלט נעמען, אָבער פֿאַר עטלעכע זאַכן וואָס מיר האָבן נאָך פֿאַרמאָגט האָט ער אײַנגעוויליקט. מיך האָט מען אַרײַנגעזעצט אין קאַבינע, לעבן שאָפֿער, און די מאַמע, מיטן טאַטן און מיטן ברודער זענען אַרײַן אין קאַסטן פֿון לאַסטאויטאָ. דער אויטאָ האָט אונדז צוריקגעפֿירט קיין מאָגיליאָוו. בײַם אַרײַנפֿאָרן אין שטאָט, האָבן מיר געזען פֿון דער ווײַטנס, ווי מע טרײַבט אַ נײַעם טראַנספּאָרט ייִדן. האָבן מיר זיך באַהאַלטן אין שניי. ווען די סכּנה איז אַריבער, זענען מיר אַרײַן אין אַ הויז, וווּ אין אַן אײנציקן צימער האָט שוין געוווינט אַ משפּחה מיט דרײַ קינדער.

אין מאָגיליאָוו איז דער טאַטע אַוועק אַרבעטן בײַם שלעפּן די מתים און מײַן ברודער מוניו איז געגאַנגען פֿאַרבײַטן עטלעכע זאַכן אויף ברויט. פּלוצעם קומט אַרײַן אין שטוב וווּ מיר האָבן געוווינט אַ גראָבע גויע. זי הייבט אָן רעדן און דערציילט אַז אַלע גויים זענען מחויב צוצושטעלן וואַלענע זאָקן און הענטשקעס פֿאַר דער אַרמיי. ווער עס פֿאָלגט נישט, קומט מען און מע נעמט צו די לעצטע קאַטשקעס פֿון הויף. זי האָט געהערט אַז ייִדישע טעכטער קענען גוט שטריקן, איז זי געקומען זוכן אַ מיידל וואָס זאָל פֿאַר איר אַרבעטן.

איך בין אין יענער צײַט געווען אַ מומחה אין שטריקן. כ׳האָב געאַרבעט שיין און גיך. כ׳האָב אַפֿילו געהאָט אויס־געשטריקט אַ קליידל פֿאַר אַ וועלט־אויסשטעלונג. די גויע האָט צוגעזאָגט אַז איך וועל בײַ איר האָבן גוט צו עסן, און אַז איך וועל פֿאַרענדיקן די אַרבעט, וועל איך באַקומען אַ זעקל מיט עסנוואַרג פֿאַר דער משפּחה מײַנער. די מאַמע האָט זיך געקווענקלט צי זי זאָל מיך לאָזן גיין, אָבער צום סוף האָט זי אײַנגעשטימט, ווײַל עפּעס צו עסן האָט פּשוט געקאָנט אונדז דערהאַלטן בײַם לעבן.

בין איך אַוועק מיט דער גויע, נישט ווײַט פֿון מאָגיליאָוו. אין שטוב בײַ איר איז געווען אַ ליבע וואַרעם. מען האָט מיר געגעבן וואָל און איך האָב זיך באַלד גענומען צו דער אַרבעט. ווי נאָר די גויע האָט דערזען אַז איך האַלט זיך אין איין קראַצן, האָט זי פֿאַרשטאַנען אַז איך בין פֿאַרלײַזיקט. האָט זי אָנגעוואַרעמט וואַסער, מיך אַרײַנגעזעצט אין אַ צובער, מיך אויסגעוואַשן און אויסגעצוואָגן און אײַנגעשמירט די האָר מיט נאַפֿט. זי האָט אויך אויסגעוואַשן מײַנע בגדים און מיר געגעבן צו עסן. איך בין געשלאָפֿן אויפֿן וואַרעמען אויוון און ס׳איז מיר געווען גוט. פּלוצעם הער ווי די גויע זאָגט צו איר מאַן:

— אַ שיין מיידעלע, כּדאי זי זאָל בלײַבן בײַ אונדז...

ס׳איז אַרײַן אין מיר אַ שרעק און איך האָב געבעטן מע זאָל מיך באַלד צוריקשיקן קיין מאָגיליאָוו, ווײַל איך בענק נאָך דער מאַמען. אין דרויסן איז אָבער געווען אַ זאַווערוכע

און די גויע האָט געזאָגט, אַז איך וועל מוזן איבערוואַרטן עטלעכע טעג. דערווײַל האָב איך אויסגעשטריקט אַ פּאָר זאָקן און אַ פּאָר הענטשקעס. האָט מיך די גויע צוגעפֿירט צו אַ שכנה, איך זאָל אויך פֿאַר איר אַרבעטן.

די שטוב בײַ דער שכנה איז געווען אויסגעשמירט מיט פֿריש ליים און ס'איז געווען קענטיק אַז ס'איז בײַ זיי עפּעס אַ יום־טוב. עס האָבן זיך געיאָוועט נאָך יונגע פּאַרפּעלקער, מען האָט געבראַכט צוויי זעק מיט סעמיטשקעס און מ'האָט געשטעלט וואָדקע. די בעל־הביתטע האָט איטלעכן מכבד געווען מיט אייערקוכן. איך האָב אויך באַקומען אַ שטיק קוכן און אַ גלעזל וואָדקע. דערפֿון בין איך טאַקע באַלד אײַנגעשלאָפֿן און האָב זיך אויפֿגעכאַפּט אין דער פֿרי לעבן אַ באַרג מיט סעמיטשקע־שאָלעכץ. איך האָב פֿאַר דער בעל־הביתטע אויסגעשטריקט אַ שאַל, און דעם צווייטן טאָג האָט זי מיר אָנגעפּילט אַ זאַק מיט פּוטער, אייער און כּל־הגוטס, אַז איך האָב עס נישט געקענט טראָגן. איז די יונגע גויע געקומען מיט מיר און מיר געהאָלפֿן טראָגן. אויפֿן וועג האָט זי מיר פּלוצעם געהייסן זיך אַוועקזעצן און זיך נישט רירן. פֿון דער ווײַטנס האָבן מיר געזען ווי עס קומען סאָלדאַטן. זי האָט מיך צוגעדעקט מיט אירער אַ יופּקע ביז די סכּנה איז אַריבער. זי האָט מיך אַוודאי דעמאָלט געראַטעוועט, און טאַקע זיך אַליין אויך. גייענדיק ווײַטער, האָב איך געטראַכט אַז די מאַמע וועט אַוודאי זײַן שטאָלץ ווען זי וועט זען דעם זאַק מיט שפּײַז וואָס איך האָב פֿאַרדינט מיט מײַנע הענט.

דער גורל האָט אָבער געוואָלט אַנדערש. איך קום אָן צו דעם הויז וווּ מיר האָבן געוווינט און טרעף אַ ליידיק צימער. איך דערוויס זיך באַלד אַז מען האָט אָרגאַניזירט אַ נײַעם טראַנספּאָרט צו שיקן ווײַטער פֿון מאָגיליאָוו און מען האָט געכאַפּט ייִדן פֿון די גאַסן. אַזוי זענען אַרײַנגעפֿאַלן די מאַמע און דער ברודער מײַנער.

דער פֿאָרשטייער פֿון מאַגייאָווער יודענראַט (וואָס האָט דאָרטן געהייסן „קאָאָרדינאַרע״) איז יעדן חודש געווען אַ ייִד פֿון אַן אַנדער שטאָט. פּונקט דעמאָלט איז דער פֿאָרשטייער געווען אַ ראַדעוויצער. בין איך אַוועק צו דעם פּלאַץ ווו דער טראַנספּאָרט האָט זיך פֿאַרזאַמלט און האָב דאָרטן באַגעגנט מײַן טאַטן, וואָס האָט זיך נישט געקענט קיין עצה געבן ווי אַזוי צו באַפֿרײַען די מאַמע מיטן ברודער. האָב איך זיך געווענדט צו דעם פֿאָרשטייער און אים געזאָגט אַז איך בין אַ ראַדעוויצערין און איך בעט אים ער זאָל מיר העלפֿן באַפֿרײַען די מאַמע. ביים אָנהייב האָב איך גערעדט אויף דײַטש, נאָר דערנאָך אַריבער אויף רוסיש. האָט דער פֿאָרשטייער מיך אָנגעכאַפּט בײַם קאַרק און מיך אַוועקגעטריבן מיט אַ געשריי:

— ביסט נישט קיין ראַדעוויצערין, ביסט אַ ליגנערין, פֿאַרנעם זיך פֿון דאַנען!

איך האָב אַפֿילו נישט באַוויזן זיך צו פֿאַרענטפֿערן און אים דערקלערן פֿאַר וואָס איך האָב גערעדט רוסיש.

די מענטשן וואָס האָבן געוואַרט מע זאָל זיי אַוועקטרײַבן מיטן טראַנספּאָרט, זענען געזעסן מיט אַראָפּגעלאָזטע קעפּ. איך האָב געזוכט מיט די אויגן מײַן מאַמען, נאָר כ׳האָב זי נישט געקענט געפֿינען. איצט פֿאַלט מיר אײַן, אַז די מאַמע האָט מיך אפֿשר דערזען און בכּיוון נישט געוואָלט אויפֿהייבן דעם קאָפּ, כּדי איך זאָל בלײַבן פֿון דער ווײַטנס. און אויף אַזאַ אופֿן האָט זי מיך געראַטעוועט; אויף אַזאַ אופֿן בין איך געבליבן לעבן.

איך בין אַהיים געגאַנגען מיטן טאַטן, ביידע פֿאַרביטערטע. דער טאַטע האָט געזאָגט, אַז ער וועט עס נישט אויסהאַלטן, ער מוז נאָכגיין דער מאַמען. ער מוז זי אָפּזוכן. ער האָט אַראָפּגענומען אַ ביסל שפּײַז פֿון דעם זאַק וואָס איך האָב געבראַכט, און האָט מיר געזאָגט איך זאָל וואַרטן ביז ער וועט צוריקקומען.

אין יענער צײַט פֿלעגן זיך אָרגאַניזירן יונגע בחורים, קויפֿן

אַ וואָגן און אַ פערד און נאָכפאָרן די פּאַרשיקטע. עס פלעגט זיי צו מאָל גראָטן עמעצן אויסצוקויפן. זיי האָבן עס געטאָן פאַר געלט, פאַרשטייט זיך. קיין געלט האָב איך נישט געהאַט, האָב איך אויסגעטאָן די שיך פון מײַנע פיס און זיי געגעבן, זיי זאָלן פּרובירן ראַטעווען מײַן מאַמען און ברודער. שפּעטער מיט אַ טאָג אָדער צוויי, האָבן מיר די בחורים געבראַכט אַ צעטל פון מײַן ברודער. ער האָט מיר געשריבן אויף דײַטש: „די יינגלעך וועלן דיר דערציילן וואָס עס האָט פּאַסירט מיט דער מאַמען. איך וועל זיך אומקערן אין פיר טעג. טאָמער קער איך זיך נישט אום, שיק אַ וואָגן נאָך מיר קיין שאַר-גאָראָד".

די יינגלעך האָבן מיר דערציילט, אַז די מאַמע איז געלעגן אַ פּאַרפרוירענע און מײַן ברודער האָט זי נישט געקענט מיט-נעמען מיט זיך. זי איז געווען געשוואָלן. איך טראַכט הײַנט אַז אפשר האָט ער גאָר נישט געוואָלט זי מיטנעמען מיט זיך . . .

איך האָב געוואַרט פיר טעג און ס'איז מיר געווען ביטער ווי גאַל. כ'האָב געלייענט און איבערגעלייענט מײַן ברודערס צעטל, געוואָלט באַנעמען וואָס ער האָט נישט אַרויסגעשריבן. האָט ער נישט געהאַט דעם מוט מיר צו שרײַבן אַז די מאַמע איז טויט? ווי אַזוי האָט ער זיך געקענט פאָרשטעלן, אַז איך קען אים שיקן אַ וואָגן קיין שאַרגאָראָד? ער איז דאָך שוין געווען אַ בחור פון צוואַנציק יאָר, נישט קיין קינד.

נאָך דרײַ וואָכן אומזיסטיק וואַרטעניש, איז אָנגעקומען מײַן טאַטע. איך האָב זיך פאַר אים דערשראָקן. ער איז געווען אָנגעטאָן אין שמאַטעס. און האָט געהאַט אַ לאַנגע באָרד. ער האָט מיך נישט דערקענט. מײַן טאַטע, וואָס האָט מיט מיר קיין מאָל נישט גערעדט קיין דײַטש, האָט מיך פּלוצעם גע-פרעגט: „ווער זינד זי?" און מיט אַ מאָל איז ער צוזאַמענ-געבראָכן. איך בין שוין קיין מאָל נישט געוווּיר געוואָרן וואָס דער טאַטע האָט איבערגעלעבט אין יענע דרײַ וואָכן און ווי אַזוי ער האָט זיך צוריק אומגעקערט.

איך בין געגאַנגען אין „קאָאָרדינאַרע" און געזאָגט אַז

דער טאַטע איז געשטאָרבן. באַלד האָט מען געשיקט צוויי מענטשן מיט אַ קאַסטן אויף רעדער. זיי האָבן אַרײַנגעלייגט דעם טאַטן אין קאַסטן און אים געפירט אויפן מאָגיליאָווער בית־עולם. ס׳איז געווען ווײַט ביז אַהין און איך האָב נישט געקענט גיין. האָבן מיך די צוויי מענטשן אויך אַרײַנגעזעצט אין קאַסטן לעבן מײַן טויטן טאַטן. אויפן בית־עולם האָבן זיי אויסגעגראָבן אַ קבר, דעם טאַטן אַרײַנגעלייגט, צוגעדעקט מיט ערד און געזאָגט קדיש. דאָס האָבן זיי זיך אַזוי נוהג געווען, ווײַל זיי האָבן געקענט מײַן טאַטן.

זיי זענען אַוועק און איך בין געבליבן בײַם קבר. איך האָב מיט מײַנע שוואַכע כּוחות געפונען אַ גרויסן שטיין און אים אַרויפגעוואַלגערט אויפן קבר און גענומען רעדן צו מײַן טאַטן: „איך וועל נישט מער הערן דײַן קול, טאַטע, קיינער וועט מיך מער נישט רופן „קרוינדעלע״. האָב רחמנות און נעם מיך צו זיך. דו ביסט דאָך געווען אַ צדיק, טאַטע, דו געפינסט זיך אַוודאי אין גן־עדן...״

סוף־כּל־סוף בין איך אַוועק. דער מענטש איז דאָך נישט מער ווי אַ חיה, וואָס ראַנגלט זיך פאַרן שטיקל לעבן.

מײַנע פיס האָבן מיך געטראָגן צו דעם יתומים־הויז. שטייענדיק אין דרויסן און טראַכטנדיק צי איך זאָל אַרײַנגיין, האָב איך געהערט אַ געזאַנג פון אינעווייניק. כ׳האָב עמעצן געפרעגט וואָס עס באַטײַט דאָס זינגען, האָט מען מיר געזאָגט אַז די קינדער אין יתומים־הויז פּראַוועט דאָס צווייטע חנוכּה־ליכטל. אַזוי איז מיר געבליבן אין זכּרון דער טאָג ווען מײַן טאַטע איז געשטאָרבן און איך געדענק דעם יאָרצײַט.

איך האָב אָנגעקלאַפּט אין טיר און אָפּגעזוכט מײַן טאַטנס אַ שטיפברודער; ער האָט געהייסן בײַטשער. איך האָב אים אַלץ דערציילט און זיך געזעצט שיבעה. איך בין אָפּגעזעסן אַן ערך אַ שעה. פּלוצעם איז געקומען הער בײַטשער און מיר געזאָגט, איך זאָל נישט זיצן אויף דער ערד. איך וועל קראַנק ווערן, און דאָ וועט מיר קיינער נישט העלפן. ער האָט מיך געשיקט צו די גרויסע מיידלעך אין אַ זאַל, און איך

האָב זיך דאָרטן אַוועקגעזעצט לעבן דער טיר, בײַם דורכגאַנג. איך בין געזעסן אין וועג, מענטשן האָבן אָנגעשריגן אויף מיר, אָדער מיך פשוט געפּרעגט: אויף וועמען וואַרטסטו? איך האָב געענטפערט: אויפן מלאך־המוות. מען האָט מיר געהייסן זיצן בײַ דער וואַנט, אין איינעם מיט אַנדערע קינדער. בין איך דאָרטן געזעסן אַ פּאַרגליווערטע, מיטן קאָפּ אַראָפּ, און גערעדט צו מײַן מאַמען: דו ביסט שולדיק אין אַלעמען, מאַמע, דו האָסט תּמיד ליבער געהאַט מוניון, ער איז תּמיד געווען שענער און קליגער אין דײַנע אויגן. פאַר וואָס האָסטו מיך אויסגעקליבן צו בלײַבן לעבן? איך וויל עס נישט!

אויף די בעטן זענען געלעגן צו אַכט מיידלעך אין איין בעט. דאָס בעטגעוואַנט איז געווען פאַרבלוטיקט און פאַר־אייטערט. בין איך געבליבן ליגן אויף דער ערד און זיך צו־געדעקט מיט מײַן מענטעלע. ווער האָט זיך געקענט פאַרשטעלן, אַז אָט דאָס מענטעלע וועט מיך ראַטעווען?

דער ווינטער איז פאַרבײַ. ווען ס'איז געוואָרן וואַרעמער, האָט מען גערייניקט די בעטן, אַוועקגעוואָרפן דעם פּוך פון די קישנס און געוואַשן די אײַנשיטן, מען האָט אַלץ דע־פּאַראַזיטירט אין דער „דובע", אַזאַ פאַרמאַכטער קעסל, וווּ מען האָט אויפגעקאָכט וואַסער.

אַ סך פון די יתומים האָבן געשריבן לידער. איינס פון זיי איז מיר געבליבן אין זכּרון:

בין איך מיר אַ טיפוסלויז, שטיי איך דאָ אין דרויסן,
אַרײַן לאָזט מען מיך נישט גיין,
ווײַל דאָ איז קאַראַנטען.

פאַר אַ יאָרן איז געווען אַ גן־עדן,
בײַסן כ'האָב געקאָנט אַיעדן.
ד"ר כּהן — אונדזער שׂטן
וויל אונדז אין דער דובע בראָטן,

קריך איך אַװעק אַצינד
און איר, קינדער, בלײַבט געזונט!

ד״ר כּהן איז פאַר דער מלחמה געװען אַ מיליטערישער דאָקטער. ער האָט געטראָגן הױכע, שװאַרצע שטיװול און אַלע האָבן פאַר אים מורא געהאַט. ער האָט געהאַט געמאַכט אין צװײ גרױסע עמערס אַ מין זאַלב פון פעטס און שװעבל. דערמיט האָט ער אײַנגעשמירט די קערפּערס פון די מײדלעך. איך האָב געזען װי עס גײען פאַר אים פאַרבײַ אַ רײ סקעלעטן, נאַקעטע קינדער. װען ס׳איז געקומען מײַן רײ ער זאָל מיך אײַנשמירן מיט דער זאַלב, האָט ער אױף מיר אַ קוק געטאָן און געזאָגט אונטער די װאָנצעס: „פון דיר װעט אפשר נאָך װערן א מענטש״.

איך װײס נישט צי די זאַלב איז געװען צו שאַרף, אָדער מײַן הױט צו שפּירעװדיק — נאָך דעם צװײטן טאָג בין איך אױפגעשטאַנען אַ באַדעקטע מיט בלאָטערן. איך האָב שױן נישט געקענט נישט ליגן, נישט זיצן. כ׳בין אַרומגעלאָפן װי אַ פאַרסמטע מױז אין גרױסע װײטיקן.

אין יתומים-הױז האָבן מיר נישט געפירט קײן נאָרמאַל לעבן. דער טױט האָט כּסדר געהױערט איבער אונדז. איך האָב געזען די טױטע יתומים אױסגעלײגטע אין קאָרידאָר און כ׳האָב כּמעט גאָרנישט נישט געפילט, װי איך װאָלט געװען אַ חיה. יעדן טאָג זענען יתומים געשטאָרבן און יעדן טאָג האָט מען געבראַכט אַנדערע. איך געדענק אַז איך האָב בײַ אַ מײדעלע געבאָרגט אַ רײפטל ברױט און בײַ נאַכט איז זי געשטאָרבן. איך דערמאָן זיך מיט בושה, אַז איך בין געװען צופרידן װאָס איך װעל איר נישט דאַרפן אָפּגעבן דאָס רײפטל ברױט.

מיר איז פון טאָג צו טאָג געװאָרן ערגער. די רעכטע האַנט איז געװען פול מיט װונדן. ד״ר כּהן האָט געזאָגט אַז מען דאַרף מיר אַמפּוטירן די האַנט. אַחוץ דעם איז מיר אױך געװאַקסן אַ מכּה אױף אַ פינגער. ד״ר כּהן האָט מיך גערופן אין זײַן קאַבינעט און איך האָב געזען װי ער נעמט אַרױס

אַ טאַשנמעסערל מיר אויפצושנײַדן די מכּה. האָב איך געטאָן אַ צי צוריק די האַנט, פאַר שרעק מסתּמא. האָט מיר דער דאָקטער געגעבן אַ זעץ אין פּוס, אַז כ'האָב זיך אַזש באַגאָסן מיט בלוט. איך בין אַנטלאָפן פון קאַבינעט און האָב נאָך געהערט ווי ער שרײַט מיר נאָך: „דו וועסט נאָך קומען מיך בעטן, און איך וועל דיר נישט העלפן!״

אין דרויסן האָב איך מיט די ציין מײַנע אויפגעריסן די מכּה, געלאָזט אָפרינען דעם אייטער און ס'איז מיר גרינגער געוואָרן. ס'איז געשען מיט מיר אַ נס. אָבער ווי עס האָט געזאָגט דער שרײַבער אפרים קישון, אין אַ פּראָגראַם בײַ דער טעלעוויזיע (אלה הם החיים), ווען ער האָט דערציילט וועגן לאַגער ווו ער איז געווען, איז איין נס נישט געווען גענוג צו בלײַבן לעבן.

נישט ווײַט פון מײַן יתומים־הויז האָט מען געעפנט אַ צווייט יתומים־הויז, וווּהין מען האָט מיך אַריבערגעשיקט. דאָרטן איז געווען אַן עלטערער דאָקטער, ער האָט געהייסן ראַבינאָוויטש, אַן אמתער צדיק. ער האָט באַטראַכט מײַן האַנט און באַשלאָסן צו לייגן קאָמפּרעסן. ער האָט אָפּגעריסן אַן אַרבל פון זײַן העמד, אים אײַנגעטונקען אין וואַסער און צוגעלייגט צו מײַנע ווונדן. ער האָט אָפּגעוואַשן דעם שמוץ און מיר געהייסן זיצן אויף דער זון, די ווונדן זאָלן זיך פאַרהיילן.

איין מאָל, בעת איך בין געזעסן אין דרויסן אויף דער זון, האָט מיך אַ מיידל, די טאָכטער פון אַ רב, אַ פרעג געטאָן צי איך קען שטריקן. און זי האָט מיר דערצײַלט, אַז אין מאָ־גיליאָוו איז פאַראַן אַ משפּחה פון גאָלד־הענדלערס; כּדי זיך פרײַ צו באַוועגן מחוץ דער געטאָ, האָט מען געדאַרפט האָבן אַ ספּעציעלן פּאַס. שרײַבן אַז מע האַנדלט מיט גאָלד, איז געווען אַ סכּנה, האָבן זיך די דאָזיקע סוחרים אַן עצה געגעבן און געשריבן אַז בײַ זיי אין שטוב שטריקט מען סוועטערס פאַר סאָלדאַטן, און אויף אַזאַ אופן האָבן זיי באַקומען אַ פּאַס.

כּדי צו אַרבעטן בײַ די גאָלד־הענדלערס ווי אַ שטריקעריןן,

האָב איך געדאַרפט אַ דערלויבעניש אַרויסצוגיין פון יתומים־הויז. דער דירעקטאָר, פרענקעל, האָט געהאַט אַ שם אַז ער איז אַ קאַפּאַ, אָבער מיר האָט ער דווקא געהאָלפן. ער האָט מיר דערלויבט אַרויסצוגיין און איך האָב אָנגעהויבן אַרבעטן. פאַר יעדן טאָג שטריקן האָב איך באַקומען אַ האַלבן „באַ־זעצונגס־מאַרק", פאַר וועלכן איך האָב געקענט קויפן אַ שטיקל ברויט. פאַר די יום־טובים האָבן מיר מײַנע בעלי־בתּים געגעבן גאַנצע צוויי מאַרק און איך האָב דערפאַר אײַנגעקויפט אַ ברויט פון דרײַ קילאָ. דאָס ברויט האָט געהייסן „קירפּיטש" (ציגל אויף רוסיש) און איז געבאַקן געוואָרן פון קאָרן־קלײַען און שטרוי. איך בין געווען אַזוי הונגעריק, אַז איך האָב אַט דאָס גאַנצע ציגלברויט אויפגעגעסן מיט איין מאָל, און האָב זיך נאָר אַלץ נישט געזעטיקט.

איך געדענק דעם יונגן רב וואָס איז צו אונדז אַרײַנגעקומען אום יום־כּיפּור. ער האָט אַ זאָג געטאָן: פאַר דער מלחמה האָב איך צו מזכּיר־נשמות אַרויסגעשיקט די קינדער פון שול; אַצינד דאַרף איך זיי נעבעך אַרײַנרופן אין שול, כּדי זיי זאָלן זאָגן יזכּור... ער האָט אונדז אויך געבעטן מיר זאָלן רעדן מאַמע־לשון, נישט דײַטש, די שפּראַך פון אונדזערע מערדער, כאָטש די שפּראַך אַליין איז נישט שולדיק וואָס די דײַטשן זענען רוצחים.

פון רומעניע איז אין יענער צײַט אָנגעקומען אַ דעלע־גאַציע, וואָס האָט געמאַכט אַ רשימה פון קינדער אַרויסצו־ראַטעווען פון טראַנסניסטריע און ברענגען צוריק קיין רומעניע. דער פאָרשטייער איז געווען פרעד שאַראַגאַ. מען האָט אים אויך געבראַכט אין יתומים־הויז, און ווען ער האָט געזען די האַלב־נאַקעטע סקעלעטן, האָט ער געשוווירן אַז ער וועט נישט רוען ביז ער וועט נישט אַרויסראַטעווען אַלע יתומים.

עס זענען אויך אָנגעקומען וואַגאָנען מיט בגדים פונעם דזשוינט. אַ טייל האָט מען געבראַכט אין אונדזער יתומים־הויז. איינעם האָט מען געגעבן אַ רעגן־מאַנטל, דעם אַנדערן — אַ פּאָר שיך. איך האָב באַקומען אַ סאַמעטן קלייד. איך האָב

דעמאָלט געװױגן װױנציקער װי דרײַסיק קילאָ, און דאָס קלײד איז געװען גוט פּאַר אַ ברײטער מאַדאַם. צום גליק האָט עס געהאַט אַ פּאַסיק, האָב איך עס צונױפגעצױגן אױף מײַן אָפּ־געצערטן לײַב. אײנער פון די יתומים, װאָס לעבט אַצינד אין קאַנאַדע, איז געקומען צו גאַסט אין ישׂראל און האָט זיך נאָכ־געפרעגט צי עס לעבט נאָך עמעצער פון יענעם מאָגיליאָװער יתומים־הױז. האָט מען אים אָנגערופן מײַן נאָמען: מאַלי הירש. ער האָט זיך אָבער דערמאָנט אין מיר, נאָר װען מ׳האָט אים געזאָגט: דאָס מײדל מיטן סאַמעטן קלײד און די פּעדערן...

אין װינטער 1944 האָט מען װידער געמאַכט רשימות פון קינדער ביז פופצן יאָר, זײ צוריקשיקן קײן רומעניע. איך בין אױך געװען צװישן זײ. קודם האָט מען אונדז געפירט אין אַ שװיצבאָד זיך צו רײניקן. איך געדענק די װײטיקן װאָס כ׳האָב געליטן, װען דאָס װאַרעמע װאַסער איז געקומען אױף מײַנע װוּנדן. בײַם דעפּאַראַזיטירן די מלבושים איז בײַ מיר פאַרלױרן געגאַנגען דאָס בענדל מיט װעלכן כ׳האָב געהאַט צוגעבונדן אַ שור מײַנעם, אַ בענדל װאָס כ׳האָב מיר געמאַכט פון אַ שטיקל גאַרטל.

צװישן די קינדער האָב איך דערקענט מײַנעם אַ יוגנט־פרײַנד, לײבו האָט ער געהײסן. ער האָט אױסגעזען װי אַ סקעלעט. ר׳האָט מיר דערצײלט אַז זײַן מאַמע איז געשטאָרבן און זײַן טאַטע מיט זײַן ברודער זענען אַנטלאָפן מיט די סאָ־װעטן. ער װײסט אַפילו נישט װוּ זײ געפינען זיך. איך האָב אים דערצײלט װי איך האָב פאַרלױרן מײַנע עלטערן און דעם ברודער. ס׳האָט זיך אַרױסגעװיזן, אַז ער איז אױך געװען אין זעלבן יתומים־הױז װי איך, (אָרפעלינאַט 1), נאָר מיר האָבן זיך קײן מאָל נישט געהאַט באַגעגנט.

פעברואַר 1944. דער שני איז זיך צעגאַנגען. בײַ נאַכט איז דאָס װאַסער אײַנגעפרױרן. בײַ טאָג האָט מען געטאָפּטשעט אין בלאָטע. איך האָב געמוזט אַװעקװאַרפן די שמאַטעשיך. כ׳בין געגאַנגען באָרװעס איבערן אײַז. בײַם אָנהײב איז מיר געװען קאַלט, דערנאָך האָב איך אין גאַנצן מער נישט געפילט

מײַנע פּיס.

מען האָט אונדז, קינדער, געפירט אין אַ פּאַרלאָזענער קאַזאַרמע — אַ ווײַטער וועג פאַר אונדזערע שוואַכע פּיס. ווער ס'איז אָנגעקומען האָט זיך באַלד אַוועקגעזעצט און איז אַנטשלאָפן געוואָרן. איך בין אויך געווען זייער מיד, אָבער איך האָב געפילט ווי טויזנט נאָדלען שטעכן מיך אין די פּיס. האָב איך זיי אַזוי לאַנג געריבן, ביז זיי האָבן זיך אַ קאַפּעלע דערוואַרעמט.

מען האָט אונדז געזאָגט אַז מען פירט אונדז אַהיים. איך האָב אין ערגעץ נישט געהאַט קיין היים, נישט אין טשערנאָוויץ און נישט אין ראַדעוויץ. ווען איך בין געקומען קיין טראַנס־ניסטריע, בין איך געווען אַ פריילעך קינד מיט לאַנגע צעפּ, מיט עלטערן, מיט אַ משפּחה. איצט, בײַם פאַרלאָזן די פאַר־שאָלטענע ערד, בײַם אומקערן זיך קיין רומעניע, בין איך געווען אַ צעבראָכענע יתומה, אָן טאַטע־מאַמע, אָן דעם ברו־דער, אָן דער גאַנצער משפּחה.

מען האָט אונדז אויסגערופן בײַ די נעמען, אַרײַנגעזעצט אין אַ וואַגאָן, וווּ מיר האָבן זיך צוגערוקט איינער צום אַנדערן, כּדי זיך צו דערוואַרעמען. מען האָט אונדז אַריבערגעפירט דעם דניעסטער און מיר זענען ווידער געווען אין אַטאַקי. איך געדענק אַז עמעצער האָט אַרײַנגעבראַכט אין אונדזער וואַגאָן אַ זאַק מיט ציבעלעס און מיר האָבן אים אין איין רגע אויס־געליידיקט. דערנאָך האָט מען אויך געבראַכט ברויט און פלייש. מיר האָבן די גאַנצע צײַט געגעסן.

אין אונדזער וואַגאָן זענען מיטגעפאָרן צוויי דעלעגאַטן: אַ פאָרשטייער פון דער ייִדישער קהילה פון באַקעו, ד״ר יאַנאַס ז״ל, און דער אַדוואָקאַט פּינקו ראָטנשטיין. מען האָט אין וואַגאָן שווער געקאָנט אָטעמען דורכן געשטאַנק. די דעלעגאַטן האָבן זיך צוגעהאַלטן די נעז מיט טיכלעך. ווען דער צוג האָט זיך אָפּגעשטעלט זענען מיר אַראָפּגעלאָפן דערליידיקן באַ־דערפענישן, אָבער ניט שטענדיק האָבן מיר זיך געקענט אײַנ־האַלטן ביז דער צוג האָט זיך אָפּגעשטעלט.

מען האָט די יתומים אײַנגעטײלט אין פֿאַרשײדענע מקומות אין רומעניע. מיך האָט מען געשיקט קײן באַקעו. מען האָט אונדז דאָרטן אַרײַנגעפֿירט אין אַ שול, װוּ עס זענען שױן געװען בעטן מיט מאַטראַצן. איך געדענק אַז אין דער ערשטער רגע האָב איך אױסבאַהאַלטן צװײ ברױט, װײַל איך האָב מורא געהאַט אַז אױף מאָרגן װעט שױן נישט זײַן װאָס צו עסן.

עס האָבן אונדז מקבל־פּנים געװען צװײ פֿרױען און האָבן אונדז געגעבן צו טרינקען זיסן קאַקאַאָ. איך דערמאָן זיך װי איך האָב אױסגעטרונקען אײן טעפּל, געמאָנט אַ צװײטס און דערנאָך געװאָרט אױף אַ דריטס. מען האָט אונדז אָפּגעװאַשן און אָנגעטאָן אין רײנע בגדים. עס זענען געקומען דאָקטױרים, װאָס האָבן זיך פֿאַרמאָסטן צו הײלן די װוּנדן אױף אונדזערע לײַבער. אין די פֿאַרנאַכטן זענען געקומען ייִדישע אָרטיקע משפּחות, געבראַכט זיסיקײטן, געהערט װאָס מיר האָבן זיך אָנדערצײלט און געװײנט.

עס זענען אַװעק עטלעכע װאָכן און די קהילה האָט נישט מער געקענט אױסהאַלטן 161 פּראָבלעמאַטישע קינדער. מען האָט זיך געװאָנדן צו ייִדישע משפּחות, זײ זאָלן אַרײַננעמען קינדער צו זיך. קודם האָט מען גענומען די קלענערע און דער־נאָך די גרעסערע. מיך האָט גענומען די משפּחה ראָטנשטײן. ס׳זענען אים געפֿעלן געװאָרן די לידער װאָס איך האָב גע־זונגען, בעת ער איז מיטגעפֿאָרן מיט אונדז פֿון טראַנסניסטריע װי אַ דעלעגאַט אין אונדזער װאַגאָן. איך קען נישט פֿאַרגעסן װי מאָדנע עס איז פֿאַר מיר געװען, װען מען האָט מיך צום ערשטן מאָל פֿאַרבעטן צום טיש און איך האָב װידער געזען אַ טישטעך און אַ לעפֿל מיט אַ גאָפּל. איך בין דאָך ממש געקומען פֿון דער װילדעניש.

אין גיכן האָבן מיר געהערט אַז די דײַטשן האָבן אַ גרױסע מפּלה און די סאָװעטן דערנענטערן זיך שױן צו דער רומעני־שער גרענעץ. אַ טײל פֿון די געראַטעװעטע יתומים האָט מען אַװעקגעשיקט קײן קאָנסטאַנצאַ און פֿון דאָרטן זענען זײ אַװעק

מיט שיפן אויפן שוואַרצן ים. אַ חברטע מײַנע, וואָס איז געווען מיט מיר אין איינעם אין מאָגיליאָוו, האָט מיר צוגערעדט מיר זאָלן אויך אַוועקפאָרן פון רומעניע. אויך די משפחה ראָטנשטיין האָט מיר צוגערעדט צו פאָרן. איך האָב אָבער נישט געהאָט קיין חשק. איך האָב געטענהט אַז מיר איז גוט דאָרטן, בײַ ראָטנשטיינען, פון דעסטוועגן האָב איך געלאָזט אײַנפּאַקן פאַר מיר אַ קליין רענצל און בין אַוועק צו דער באַן. בײַם אַרויפֿשטײַגן די טרעפּ אין וואַגאָן, האָב איך אַ זאָג געטאָן ראָטנשטיינען, וואָס איז מיר געקומען באַגלייטן: „איך ווייס אַז איך פאָר אין טויט אַרײַן”...

ווי ער האָט דאָס דערהערט, האָט ער מיר באַלד געהייסן אַראָפּגיין:

— קום אַראָפּ — האָט ער געזאָגט — מיר ווייסן אַז דו ביסט געבליבן איינע פון אַ גאַנצער משפחה, און אַזוי ווי די צײַט איז אומרויִק, מע ווײַס נישט וואָס וועט זײַן, האָבן מיר דיר צוגערעדט דו זאָלסט אַוועקפאָרן. אָבער אַז דו האָסט קיין חשק נישט...

די רוסן האָבן אָנגעהויבן באָמבאַרדירן די שטאָט באַקעו. אַרום און אַרום זענען געפאַלן באָמבעס, אַלע לויפן אין די שוצגריבער. זיצנדיק אין שוצגרוב, דערמאָנט זיך פרוי ראָטנשטיין אַז זי האָט פאַרגעסן צו פאַרשליסן די טיר. בין איך אַרויף אין דער דירה, האָב גענומען עטלעכע זאַכן, האָב פאַרשלאָסן די טיר און זיך געלאָזט אַראָפּגיין די טרעפּ. פלוצעם האָב איך געפילט אַז איך פלי אין דער לופטן. ערגעץ נישט ווײַט האָט אָקערשט אויפגעריסן אַ באָמבע און דער לופטדרוק האָט מיך אַזש אַ הייב געטאָן. נאָר מיט מיר איז ווידער געשען אַ נס: איך בין ווידער אַרויס מיטן לעבן, זיך געראַטעוועט.

עס האָט לאַנג נישט געדויערט און די סאָוועטן זענען אַרײַנמאַרשירט. מיר האָבן געזען די דײַטשישע געפאַנגענע, וואָס זענען שוין געווען גאָר אַנדערש ווי יענע דײַטשישע מערדער פאַר וועלכע מיר האָבן זיך אַזוי געשראָקן. דאָס זענען שוין געווען צעבראָכענע ברואים. פלוצעם בין איך געוואָרן

אַן איבערזעצערין פון דײַטש אויף רוסיש און פון רוסיש אויף דײַטש. איך געדענק אַ רוסישן אָפיציר, וואָס איך האָב אים דערציילט וואָס איך האָב איבערגעלעבט אין טראַנסניסטריע. ער האָט מיר אַ זאָג געטאָן:

— אין ערגעץ האָט מען אונדז נישט ליב!

אַזוי האָב איך זיך דערוווּסט אַז ער איז אַ ייִד.

אין איינעם אַ טאָג קומט אַרײַן צו אונדז אַן אַלטער ייִד מיט אַ ווײַסער באָרד. איך האָב אים נישט דערקענט. עס איז געווען מײַן חבר לייבוס טאַטע. ער האָט מיר דערציילט, אַז ער איז פּאַראַלמנט געוואָרן, אַז זיין עלטערער זון איז אין דער רויטער אַרמיי און אַצינד זוכט ער לייבון, זײַן ייִנגערן זון.

איך האָב געוווּסט, אַז לייבו איז אומגעקומען אויפן וועג קיין ארץ-ישראל, מיט דער שיף „מעפקורע", אָבער איך האָב נישט געהאַט דאָס האַרץ עס צו זאָגן דעם טאַטן זײַנעם. איך האָב דערנאָך אַ סך נעכט נישט געשלאָפן, טראַכטנדיק אַז ווען ער וייס דעם אמת, וואָלט ער אויפגעהערט אַרומצופאָרן פון שטאָט צו שטאָט אויסצוגעפינען זײַן זון.

די משפחה ראָטנשטיין האָט באַשלאָסן זיך אַריבערצוציִען קיין בוקאַרעשט און זיי האָבן מיר, פאַרשטייט זיך, מיטגענומען. די מלחמה האָט זיך פאַרענדיקט, אויף די גאַסן איז פריילעך, מע זינגט און מע טאַנצט. אָבער מײַן אייגענע מלחמה האָט זיך נישט פאַרענדיקט.

אין ארץ-ישראל

איך האָב פאַרשטאַנען אַז מײַן צוקונפט איז אין ארץ-ישׂראל. דערצו האָב איך אָבער געדאַרפט זײַן אין אַ ציוניסטי־שער אָרגאַניזאַציע און דורכמאַכן אַ הכשרה. האָט מיר מײַנע אַ חברטע, וואָס איז געווען אין בית"ר, אויסגעלערנט, איך

זאָל גיין אין דער אָרגאַניזאַציע און זאָגן די אָנפירערס אַז איך בין נאָך פאַר דער מלחמה געווען אין בית״ר, און געבן אַ סימן, אַז מײַן גרופּע האָט געהייסן „שׂרה אַהרונסון״. האָב איך זיך פאַרפּוצט אין אַ שיין, ריין קליידל און בין אַוועק צו דער קאָמיסיע פון בית״ר. מען האָט מיך געפרעגט כּל מיני שאלות און איך האָב געדאַרפט ענטפערן. צום סוף האָט מיך עמעצער געפרעגט ווי אַזוי עס האָט געהייסן מײַן מדריכה אין בית״ר. האָב איך קיין סך נישט געטראַכט און אַ זאָג געטאָן:

— שׂרה אַהרונסון!

אַלע האָבן זיך צעלאַכט. פון דעסטוועגן האָט מען מיך אַרײַנגענומען אין הכשרה, פאַר רחמנות מסתּמא. מען האָט מיר געהייסן קומען דעם אַנדערן טאָג מיט מײַנע זאַכן, אָבער מען האָט מיר אָנגעזאָגט איך זאָל זיך היטן פאַרן נציב פון בית״ר אין רומעניע, ווײַל ער איז געווען קעגן דעם מע זאָל אַרײַננעמען מיידלעך „פון דער גאַס״. אַזוי האָט מען מיך באַטראַכט, ווי אַ מיידל פון דער גאַס. „געפעלט דיר, מאַמע מײַנע, מײַן נײַער נאָמען?״ — האָב איך גערעדט צו זיך אַליין.

אין איינעם אַ טאָג קומט אַרײַן אַ חשובער גאַסט אין צימער פון די מיידלעך און פרעגט: ווער איז מאַלי הירש?

— איך! — בין איך אויפגעשפּרונגען פון מײַן בעטל.

— איך האָב פאַר דיר אַ גרוס פון דער משפּחה ראַטנשטיין פון באַקעו.

איך האָב אַפילו נישט באַוויזן זיך צו באַדאַנקען און דער גאַסט איז אַוועק. דעם אַנדערן טאָג האָט ער געקלונגען אין טעלעפאָן און זיך פאַרגעשטעלט: ליפּאַ חיימאָוויטש. ער האָט מיך געפרעגט צי איך וויל מיט אים גיין אין טעאַטער, און האָט מיר באַלד געזאָגט: „זײַ גרייט פיר אַ זייגער נאָכמיטאָג!״

איינס אַ זייגער בין איך שוין געווען אָנגעטאָן.

דעם אַנדערן טאָג האָט ער מיך פאַרבעטן אין אַ רעסטאָראַן. דאָס האָט זיך איבערגעחזרט איין מאָל און נאָך אַ מאָל און

נאָך אַ מאָל. וואָס פּלוצעם פאַרבעט ער מיך? — האָב איך בײַ זיך געפרעגט. אפשר האָט אים עפּעס אָנגעזאָגט די משפחה ראַטנשטײַן? פרעגן בײַ אים אַלײַן האָב איך זיך געשעמט.

מיר זענען אַ סך געגאַנגען שפּאַצירן. מיר האָבן ביידע געשוויגן. ער — אַ חשובער מאַנצביל. איך — אַ נאַריש קאַטשקעלע. כאָטש איך האָב שוין דעמאָלט גערעדט גאַנץ נישקשהדיק רומעניש, האָב איך מורא געהאַט צו עפענען דאָס מויל, איך זאָל נישט זאָגן עפּעס אַ נאַרישקייט. איך האָב אָבער געהאַלטן אין איין לאַכן. איין מאָל האָט ער מיר אַ זאָג געטאָן:

— אַז דו וועסט ווינציקער לאַכן, וועלן מיר זײַן גוטע חברים...

אויפן וועג צוריק אין הכשרה האָב איך געטראַכט: אַז איך קען נאָך לאַכן, נאָך אַלעמען וואָס איך האָב איבערגע־לעבט, איז אויך נישט גוט?

מיר האָבן געוווינט אין אַ קליין געסל אין בוקאַרעשט. עס זענען דאָרטן געווען צוויי צימערן: איינס פאַר די מיידלעך פון דער הכשרה, דאָס צווייטע פאַר די ייִנגלעך. מיר האָבן געגעסן אין קאָרידאָר, בײַ אַ לאַנגן טיש. אַלע האָבן געאַרבעט אין אַ טעקסטיל־פאַבריק. איך האָב אויך געדאַרפט אַרבעטן, אָבער איך בין געווען קראַנק, מיט היץ, און ס׳איז מיר געווען שווער צו אָטעמען. בין איך אַוועק אין ייִדישן שפּיטאָל „יובי־רעאַ דע אָאַמעני״ (מענטשנליבע) און האָב דערציילט דעם דאָקטער, אַז איך בין אין הכשרה און דאַרף גיין אַרבעטן כּדי צו פאַרדינען דאָס אויסקומעניש. האָט ער מיך געשיקט צו אַ צווייטן דאָקטער, וואָס האָט מיר מודיע געווען, אַז איך האָב גרויסע מאַנדלען, וואָס מען דאַרף זיי אַרויסשנײַדן.

— קום מאָרגן מיט דער מאַמען — האָט ער מיר געזאָגט

— איך האָב נישט קיין מאַמען! — האָב איך אים גע־ענטפערט.

צו מאָרגנס בין איך געקומען אַליין אין שפּיטאָל. מען האָט מיר געמאַכט די אָפּעראַציע. איך בין געלעגן אויף אַ

בעטל, כ׳זאָל קומען צו־זיך. פּלוצעם עפנט זיך די טיר און עס קומט אַרײַן די פרוי ראַטנשטיין, אַן אויסגעפּוצטע. זי האָט זיך צו מיר אָנגערופן:

— ווי אַזוי גייט מען אַוועק אין שפּיטאָל און מע זאָגט קיינעם נישט? פון ווען אַן ביסטו אַזוי זעלבשטענדיק?

באַלד איז צוגעקומען דער דאָקטער און געזאָגט מײַן גאַסט, אַז איך נייטיק זיך אין גוט עסן און אין גוטע באַדינגונגען.

פרוי ראַטנשטיין האָט מיר געזאָגט, אַז זי ברענגט מיר אַ גוטע בשורה. איך האָב נישט געקענט רעדן. איך האָב נאָר דעמאָלט געהאָפט אַז מײַן ברודער לעבט און וועט זיך יאָווען אין אַ שיינעם טאָג. האָב איך אָנגעשריבן אויף אַ שטיקל פּאַפּיר: „מוניו?״

ניין, די בשורה איז נישט געווען פון מײַן ברודער. זי איז געווען פון אַ מומע אין אַמעריקע, וואָס האָט זיך דערוווּסט אַז איך האָב איבערגעלעבט דעם חורבן און זי האָט מיך געזוכט דורך דער צײַטונג. ווען איך האָב דאָס דערהערט, האָב איך צו מיר געטראַכט: איך בין שוין נישט קיין מיידל פון דער גאַס!

די ראַטנשטיינס האָבן מיך גענומען צו זיך און ליפּאַ איז כּסדר געקומען מיך מבקר־חולה זײַן. איין מאָל האָט ער מיך אַ פרעג געטאָן, צי איך וויל מיט אים חתונה האָבן. ער האָט געזען ווי זײַן שאלה האָט מיך אָנגעשראָקן:

— שרעק זיך נישט — האָט ער געזאָגט — טראַכט זיך אַרײַן. איך וויל נאָר דו זאָלסט וויסן צוויי זאַכן: ערשטנס: מענטשן האַלטן מיך פאַר רײַך און דאָס איז נישט אמת. צווייטנס: איך וויל פאָרן קײַן ארץ־ישראל.

אין יענער צײַט זענען מיר נאָכגעלאָפן אַ סך יינגלער. איינער האָט מיר אַפילו געזאָגט, אַז אויב איך וועל אים נישט נעמען, וועט ער מיך שיסן. האָב איך באַלד געענטפערט: „שיס!״ כ׳האָב דעמאָלט נישט געטראַכט וועגן אַ מאַן. כ׳האָב זיך געניייטיקט אין אַ טאַטן, אַ ברודער, אַ גוטן פרײַנד.

כ׳האָב געוווּסט אַז ליפּאַ איז עלטער פון מיר מיט אַ סך

און אַז ער איז אַ געלערנטער, בעת איך האָב דורכגעמאַכט די שולן אויף די שנייען פון אוקראַיִנע. איך בין געווען אַן אָרעם מיידל, וואָס האָט נישט קיין קליידל אויפן לײַב אַן אייגנס. איך האָב זיך דערמאָנט אַז מײַן מאַמע האָט אָנגעהויבן מיר צוצוגרייטן אַ נדן, פון ווען איך בין אַלט געווען צוויי יאָר. ווו איז די מאַמע און ווו איז דער נדן? אין אַזאַ פאַל דאַרף מען זיך באַראַטן מיט טאַטע-מאַמע. מיט וועמען זאָל איך זיך באַראַטן?

פלוצעם האָב איך זיך אַליין אַ זאָג געטאָן: עס וועט זײַן גוט, עס וועט אַוודאי זײַן גוט! און אויב, חלילה, נישט, וועל איך קיינעם נישט קענען באַשולדיקן. איך באַשליס איינע אַליין.

דעם אַנדערן טאָג, גאַנץ פרי, האָב איך אָנגעקלונגען צו ליפּאַן און אים געפרעגט צי ער וועט הײַנט קומען. ער האָט פאַרשטאַנען. ער איז געקומען אַן אויסגעפּוצטער מיט אַ פלעשל ליקער, און געמאָנט מײַן האַנט בײַ דער משפּחה ראַטנשטיין. עס האָט זיך גאַר אַרויסגעוויזן, אַז זיי זענען קרובים.

דעם אַנדערן טאָג האָבן מיר די ראַטנשטיינס געגעבן צו פאַרשטיין אַז איך קען מער בײַ זיי נישט בלײַבן. אין דער הכשרה האָב איך אויך נישט געהאַט קיין חשק זיך אומצוקערן. האָט מיך ליפּאַ געפירט צו חברים.

ער האָט געוואָלט וואָס גיכער חתונה האָבן. ער האָט מיר געקויפט אַ מאַנטל און אַ פּאָר שיך און מיר זענען מיט עטלעכע חברים אַוועק פראַווען די ציווילע חתונה, לויטן רומענישן געזעץ. היות איך בין געווען מינדעריעריק, האָט מיך דער באַאַמטער געפרעגט:

— ס׳איז אמת אַז מע צווינגט דיך נישט?...

די חברים האָבן זיך צעלאַכט און דער באַאַמטער איז געוואָרן אין כּעס:

— לאָז מיך אויסרעדן. איַל זיך נישט מיטן ענטפער. איך חזר איבער די שאלה: ס׳איז אמת אַז מען צווינגט דיך נישט חתונה צו האָבן? דו קענסט זאָגן יאָ אָדער ניין...

— ניין, האָב איך געזאָגט, מען צווינגט מיך נישט.

נאָך דער ציווילער חתונה האָט מיך ליפּאַ געפירט צו זײַן מאַמען. איך האָב מורא געהאַט אַז איך וועל איר נישט געפעלן ווערן. איך בין געווען קליין און דאַר און ס׳איז נישט געווען אויף וואָס צו קוקן. נאָר ליפּאַס מאַמע איז געווען אַ קלוגע פרוי און זי האָט בלויז געזאָגט:

— אַז זי געפעלט דיר, זאָל זײַן מזל-טוב!

מיר האָבן באַשטימט צו שטעלן אַ חופּה דעם נײַנטן דע־צעמבער, אין דעם שווערסטן חודש פון ווינטער. עס זענען געפאַלן גרויסע שנייען און דאָס וואַסער אין די רערן איז פאַרפרוירן געוואָרן. דער עלעקטרישער שטראָם איז אויך איבערגעריסן געוואָרן. מיר האָבן שטאַרק מורא געהאַט, אַז דער רב וועט נישט קענען קומען אונדז מקדש זײַן. אויסגע־פוצטע ווי חתן־כּלה זענען מיר אַוועק צו פוס אין בוקאַרעש־טער „גאַסטער־טעמפּל”. גייענדיק, זענען מיר ביידע געפאַלן אין שניי און קוקנדיק איינער אויפן צווייטן, זיך צעלאַכט. סוף־כּל־סוף זענען מיר אָנגעקומען, און צו אונדזער גרויסער איבעראַשונג, איז די שול געווען פול מיט מענטשן. איך האָב אָנגעטאָן דאָס אויסגעבאָרגטע חופּה-קלייד און מיר זענען געווען גרייט; נאָר קיין אונטערפירערס האָבן מיר נישט געהאַט. מיר האָבן געטראַכט אַז די ראָטנשטיינס וועלן זײַן אונדזערע אונטערפירערס, אָבער זיי זענען נישט געקומען. האָט ליפּאַ זיך אָנגענומען מיט מוט, מיך אַ כאַפּ געטאָן בײַ דער האַנט, און מיר זענען ביידע אַרויף צו דעם אָרון־קודש, וווּ ס׳איז שוין געשטאַנען די חופּה. איך האָב געציטערט, סײַ פאַר קעלט, סײַ פאַר האַרצווייטיק. איך האָב אַ קוק געטאָן אויפן עולם וואָס איז געקומען באַשיינען מײַן חתונה, נאָר איך האָב קיינעם נישט געקענט. איך בין געווען ווי פון אַ שטיין געבוירן.

✶

ליפּאַ איז געווען זייער פאַרנומען. ער האָט אין יענער צײַט געגרינדעט אַ געזעלשאַפט, וואָס האָט דווקא געהייסן „דער רויטער קרייץ”, און דאָרטן האָבן זיך צונויפגעטראָפן אַלע ציוניסטישע אַקטיוויסטן. דורך אָט דער געזעלשאַפט האָט

מען געקויפט שיפן און מען האָט צונויפגעשטעלט די רשימות פון ייִדן וואָס זאָלן געשיקט ווערן קיין ארץ־ישׂראל. די גע־ראַטעוועטע ייִדן פונעם גרויסן חורבן האָבן נאָך דעמאָלט בײַם סוף פון דער צווייטער וועלט־מלחמה, נישט געהאַט וווּ־אַהין צו אַנטרינען.

אין אַ שיינעם טאָג האָט ליפּאַ געבראַכט צוויי רוקזעק. מיר האָבן זיך געגרייט צו פאָרן. ליפּאַס חברים האָבן געהאַלטן, אַז ס'איז נאָך צו פרי, אַז מע דאַרף נישט אײַנשטעלן דאָס לעבן, אַז אין צוויי יאָר אַרום וועט מען קאָנען פאָרן מיט לעגאַלע סערטיפיקאַטן .אָבער ליפּאַ האָט געטענהט, אַז אַזוי ווי ער האָט געשיקט אַנדערע ייִדן אײַנשטעלן דאָס לעבן און עולה זײַן, און אַ טייל פון זיי זענען טאַקע נישט אָנגעקומען, וויל ער אויך אַרויספאָרן אויף דעם זעלבן אופן.

מיר האָבן אָנגעפילט די צוויי רוקזעק, זיך געזעגנט מיט די חברים און געפאָרן קיין קאָנסטאַנצאַ. אין דער שיף „סמירנאַ", וואָס האָט אויף אונדז געוואַרט, איז געווען פּלאַץ פאַר אַכט הונדערט מענטשן, נאָר מיר זענען געווען צוויי טויזנט. עס האָבן זיך אויך געיאַוועט צווישן אונדז ייִדישע קאָמוניסטן, וואָס האָבן אונדז געוואָרנט מיר זאָלן נישט פאָרן, ווײַל די אַראַבער וועלן אונדז אויסהרגענען. דאָ, אין רומעניע — האָבן זיי געטענהט — וועט זײַן אַ גן־עדן פאַר ייִדן. שפּעטער מיט עטלעכע יאָר האָט מען אין אָט דעם רומענישן גן־עדן אַרײַנ־געזעצט אַלע ציוניסטישע מנהיגים אין תּפיסה.

ליפּאַ איז געווען זײַער פאַרנומען אויף דער שיף מיט די דרײַ הונדערט חברים פון בית"ר וואָס ער האָט געהאַט אונטער זײַן האַנט. די ענגלענדער פלעגן אין יענער צײַט פאַרהאַלטן די שיפן און די מענטשן אַוועקפירן קיין קפריסין. נאָר מיר זענען פון דעסטוועגן אָנגעקומען קיין חיפה. דאָרטן האָט מען געביטן דעם נאָמען פון דער שיף אויף „מאַקס נאָרדוי". מיר האָבן אַרויסגעהאַנגען אַ בלאָ־ווײַסע פאָן און געזונגען די התקוה, ווי מען קען זי זינגען בלויז איין מאָל אין לעבן.

מען האָט אונדז אָפּגעפירט אין אַן ענגלישן קעמפּ, אין עתלית, און אונדז אַרײַנגעזעצט אין גרויסע באַראַקעס. מיר האָבן זיך דערוווּסט, אַז לכל־הפּחות צוויי חדשים וועלן מיר בלײַבן אין לאַנד, בעת אַנדערע שיפן מיט עולים האָט מען גלײַך אָוועקגעשיקט קיין קפריסין. יונג זענען מיר געווען, האָבן מיר געטאַנצט און געזונגען און געפּראַוועט עונג־שבת. ליפּאַ האָט אָרגאַניזירט יעדן טאָג אַ „מיסדר", באַטש פון דער ווײַטן זענען געשטאַנען חברה פון השומר־הצעיר און האָבן פון אונדז געלאַכט.

פון עתלית האָט מען אונדז געשיקט אין בית־עולים, אַ מין מרכז־קליטה, ווי מען רופט עס הײַנט. נאָך צוויי חדשים האָט די סוכנות פאַרענדיקט בויען אַ קאָלאָניע אין קרית־חיים, און איטלעכס פּאָרל האָט באַקומען אַ צימער צו וווינען. נאָר קיין פּרנסה איז נישט געווען. ליפּאַ האָט געהאַט אַ סך חברים אין חיפה, וואָס האָבן אים געזאָגט אַז ער וואָלט געקענט באַקומען אַרבעט אין דער לאַנדווירטשאַפט, ווען ער איז נישט קיין „בריתניק".

אין איינער אַ נאַכט קלאַפּט מען אין טיר: פּאָליציי. מען האָט געזוכט געווער. קיין סך ווו צו זוכן האָבן זיי נישט געהאַט. מיר האָבן בלויז פאַרמאָגט אַ בעטל און צוויי מאַראַנצן־קעסטלער. ליפּאַן האָט מען געהייסן זיך אָנטאָן. מיר האָבן געהאַט אין שטוב בלויז צוואַנציק פּיאַסטער. צען האָט גענומען ליפּאַ און צען זענען מיר געבליבן. איינער פון די פּאָליציאַנטן גיט מיר צו פאַרשטיין, אַז ליפּאַ וועט באַלד צוריקקומען. אין דרויסן זענען געשטאַנען טאַנקען. מען האָט דעמאָלט אַרעסטירט צען מענער און אַ פרוי.

עס זענען אַריבער אַן ערך צוויי שעה און די שכנים האָבן געטענהט, אַז מע דאַרף טראָגן עסן אין תּפיסה. איך האָב געקויפט ברויט און געלן קעז און בין מיט נאָך צוויי יונגע ווײַבלעך געפאָרן קיין חיפה, אין דער תפיסה „קישלע".

נאָך דעם ווי מיר האָבן אַרײַנגעשיקט די „סענדוויטשעס" אין אונדז אײַנגעפאַלן, אַז מיר זאָלן גיין צו דער געהיים־

פּאָליציי (סי־איי־די), נישט ווײַט פון דאָרטן, און בעטן מע זאָל אונדז העלפן באַפרײַען אונדזערע מענער. העברעיִש האָבן מיר קוים געקענט עטלעכע ווערטער און ענגליש — אין גאַנצן נישט. מיר האָבן אָבער געהאָפט צו געפינען עמעצן וואָס זאָל פאַרטײַטשן.

מיר קומען אָן אין געהיים־פּאָליציי, הייסט מען אונדז זיצן און מ׳איז אונדז מכבד מיט פּאַפּיראָסן. מיר הייבן אָן טענהן, אַז אונדזערע מענער זענען נישט קיין טעראָריסטן, אַז מיר זענען אָקערשט אָנגעקומען אין לאַנד און מיר בעטן מען זאָל זיי באַפרײַען. האָט מען אונדז אויסגעהערט און אויסגעפרעגט וועגן דעם און יענעם, און צום סוף האָט מען אונדז אַרײַנגעזעצט אין אַ „דזשיפּ״ און אונדז אָפּגעפירט אין „קישלע״. מען האָט אונדז געלאָזט וואַרטן ביז פּאַר נאַכט, ווען ס׳האָט זיך פּלוצעם באַוויזן אַ גראָבע אַראַבערקע וואָס האָט אונדז אַרויפגעפירט עטלעכע שמאָלע טרעפּ, אַרײַנגעלאָזט אין אַ קאַמער און פאַרשלאָסן די טיר. דעמאָלט האָבן מיר ערשט פאַרשטאַנען, אַז מען האָט אונדז אויך אַרעסטירט.

אין דער קאַמער, אויף שמוציקע, צעריסענע מאַטראַצן, זענען געלעגן נאָך עטלעכע פרויען: איינע איז געווען די פרוי וואָס מען האָט אַרעסטירט אין איינעם מיט אונדזערע מענער. עס זענען אויך געווען דאָרטן פּראָסטיטוטקעס. עס איז געלעגן אַ יונגע אַראַבערקע, וואָס האָט זיך געוואָלט אומברענגען, כּדי פּטור צו ווערן פון איר אומלעגאַל קינד. עס איז אויך געווען אַן אַראַבערקע מיט אַ סימן אויפן שטערן. מיר האָבן זיך דעמאָלט דערוווּסט, אַז עס זענען פאַראַן אַראַבער, וואָס מעגן חתונה האָבן מיט עטלעכע ווײַבער, און איטלעכע טראָגט אַ סימן.

איך האָבן אָנגעהויבן טראַכטן, ווי אַזוי מודיע צו זײַן אונדזערע מענער, אַז מיר זענען אויך אין תּפיסה. איך האָב געפונען בײַ זיך אַ שטיקל פּאַפּיר, און מיטן ליפּנשטיפט האָב איך אָנגעשריבן: שעלי, דינה און מאַלי זענען דאָ. דערנאָך האָב איך געקלאַפּט אין טיר. די היטערין אונדזערע האָט

געעפּנט און איך האָב איר געגעבן דאָס גאָלדענע רינגל פון מײַן פינגער, כּדי זי זאָל דאָס פּאַפּירל אָפּטראָגן צו אונדזערע מענער.

איך האַלט אין איין טראַכטן, ווי אַזוי מען רײַסט זיך אַרויס פון תּפיסה. עס דערקוטשעט מיר אויך די אָריענטאַלישע מוזיק וואָס איך מוז הערן אַ גאַנצן טאָג. פּלוצעם פאַלט מיר אײַן: הונגערשטרײַק!

די גראָבע אַראַבערקע וואָס האָט אונדז בײַם אָנהייב אַרײַנגעפירט אין קאַמער, האָט געבראַכט אַ „סענדוויטש" פון דער מענער־אָפּטיילונג, און אין סענדוויטש איז געווען אַ צעטל. איינער פון די מענער האָט געשריבן: „שעלי, לויף צו אַלע אַדוואָקאַטן און ראַטעווע מיך אַרויס פון דאַנען!"

דעם צווייטן טאָג איז געווען פּורים. ס'איז געקומען אַ רבֿ און האָט אונדז געבראַכט שלח־מנות, און געפרעגט וואָס און ווער און פון וואַנען און וואָס מיר באַגערן, האָבן מיר געזאָגט, אַז מיר ווילן נישט זיצן אין איינעם מיט די פּראָסטיטוטקעס. האָט מען זיי טאַקע אַרויסגענומען פון אונדזער קאַמער און זיי אַרײַנגעזעצט אין אַ צימערל וווּ עס זענען געשטאַנען די עמערס מיט השתּנה. האָבן זיי זיך צעבונטעוועט, אויסגעגאָסן די השתּנה, געוואַלדעוועט, ביז מיר אַליין האָבן געבעטן מען זאָל זיי אַרויסלאָזן.

דעם דריטן טאָג הונגערשטרײַק האָט מען מיך גערופן אין קאַנצעלאַריע. אַ הויכער ענגלענדער אין ציוויל האָט מיר געהייסן אויפהערן דעם שטרײַק, ווײַל מען האָט שוין אָנגעהויבן זיך מטפּל זײַן מיט אונדזער אַרעסט. איך האָב אים געענטפערט, אַז איך וועל נישט אויפהערן צו שטרײַקן, ביז מען וועט מיך נישט אַרויסלאָזן. איך בין טראָגעדיק, אין דריטן חודש, און דערצו לײַד איך אויף דער באַזעדאָוו־קרענק. איך האָב זיך מיט גאָרנישט פאַרזינדיקט און איך פאָדער מען זאָל מיך באַפרײַען.

מיר האָבן אין דער אמתן נישט געוווּסט ווי אַזוי מע פירט אַ הונגערשטרײַק. מיר האָבן געמיינט, אַז מע פאַסט ווי יום־

כּיפּור. ביז איך האָב געחלשט, און די אַראַבערקע וואָס איז געזעסן מיט אונדז אין קאַמער, ווײַל זי האָט זיך געוואָלט נעמען דאָס לעבן, האָט אָנגעהויבן צו קלאַפּן אין דער אײַזער־נער טיר, ביז זי האָט זיך פֿאַרבלוטיקט די פֿויסטן. סוף־כּל־סוף איז געקומען אַן ענגלענדער און מיך געמינטערט מיט קאַלט וואַסער און עטער. ווען איך האָב געעפֿנט די אויגן, האָב איך געזען אַז די אַראַבערקע מיטן סימן אויפֿן שטערן, קוקט אויף מיר און וויינט.

מען האָט מיך צוגעבונדן צו אַ בענקל און מיך אַראָפּ־געטראָגן איבער די שמאָלע טרעפּ. אונטן האָט געוואַרט אַ דזשיפּ מיט פֿיר באַוואָפֿנטע זעלנער. מען האָט מיך אַרויפֿ־געלייגט אויף אַ נאָסילקע און מיך אָפּגעפֿירט אין שפּיטאָל, אין בת־גלים. אַרום מיר האָבן זיך פֿאַרזאַמלט מענטשן. איך האָב געבעטן עס זאָל קומען עמעצער וואָס קען רומעניש אָדער דײַטש. איז געקומען אַ יונגער דאָקטער, וואָס האָט גערעדט רומעניש און מיך אָנגעהויבן אויספֿרעגן וואָס מיט מיר איז געשען. האָב איך אים דערציילט, אַז איך בין אין דריטן חודש, אַז איך לײַד פֿון דער באַזעדאָוו־קרענק און אַז איך האָב באַשלאָסן צו פֿירן אַ הונגערשטרײַק, ווײַל מען האָט מיך אַרעסטירט אומזיסט און אומנישט. דער דאָקטער איז אַוועק, און נאָך אַ ווײַלע האָט ער זיך אומגעקערט און מיר געזאָגט:

— דו ביסט פֿרײַ, אָבער איך האַלט אַז דו דאַרפֿסט נאָך בלײַבן אין שפּיטאָל, מע זאָל דיך קאָנען שטאַרקן מיט כּל מיני וויטאַמינען.

איך האָב נישט געוואָלט בלײַבן אין שפּיטאָל. איך האָב געוואָלט אַהײם. האָט מען מיך צוריקגעפֿירט אין „קישלע״, איך זאָל חתמענען אַז מען האָט מיך באַפֿרײַט, און מען האָט מיר אָפּגעגעבן דאָס זייגערל און דעם גאַרטל, וואָס מ׳האָט געהאַט בײַ מיר צוגענומען, ווען מ׳האָט מיך אַרעסטירט. אין איין וועגס האָט מען אויך אַראָפּגענומען בײַ מיר פֿינגער־אָפּדרוקן. היות איך האָב אַליין נישט געקענט אַהיימפֿאָרן, האָט מען מיך אָפּגעפֿירט מיט דעם זעלביקן דזשיפּ קיין קרית־

חיים. די שכנים מײַנע זענען געשטאַנען פון דער ווײַטנס און האָבן מורא געהאַט צו העלפן, ווײַל איך בין די פרוי פון אַ טעראָריסט.

איך האָב זיך קוים צוגעלייגט און זיך דערקוויקט מיט אַ טרונק וואַסער, קומען אַרײַן צו מיר צוויי ענגלענדער און זענען מיר מודיע, אַז איך האָב בעצם הויזאַרעסט, איך טאָר נישט אַרויספאָרן פון קרית־חיים, און מוז יעדן טאָג זיך מעלדן אין פּאָליציי.

מענטשן האָבן מיר געהאָלפן. די פרוי פון דער שפּײַזקראָם האָט מיר געבראַכט אַ סלוויקל מאַרמעלאַד און אַ ביסל געלט. זי האָט מיר געזאָגט איך זאָל קומען קויפן בײַ איר אויף באָרג. ווען ליפּאַ וועט זיך באַפרײַען, וועט ער שוין באַצאָלן. איך בין אויך אַרויסגעפאָרן קיין חיפה, צו ליפּאַס אַ חבר, וואָס האָט געהאַט אַ דעליקאַטעסן־געשעפט אויף דער הרצל־גאַס, און בײַ אים געבאָרגט פינף פונט. אין הסתדרות הלאומית האָב איך זיך באַגעגנט מיט אַן אַדוואָקאַט און אים געזאָגט אַז איך וויל ער זאָל מיר העלפן באַפרײַען מײַן מאַן. ער האָט מיר געענטפערט, אַז דאָס קאָן ער נישט, ער האָט מיר אָבער פון דעסטוועגן געהאָלפן זיך באַפרײַען פון דעם עול, זיך צו מעלדן יעדן טאָג אין פּאָליציי. ער האָט אויך געפּועלט, איך זאָל באַקומען אַ דערלויבעניש צו וויזיטירן ליפּאַן אין לטרון, אין דער דאָרטיקער תּפיסה.

כ׳האָב זיך אומגעקערט אַהיים. דער ראש־המועצה פון קרית־חיים איז צו מיר געקומען מיט שיינע ריידלעך: ער חידושט זיך — האָט ער געזאָגט — וואָס ליפּאַ איז געוואָרן אַ טעראָריסט, ווען ער האָט אין דער היים אַזאַ שיינע, יונגע פרוי. ער איז אָבער גרייט מיר צו העלפן, סײַ בעת דער שוואַנגערשאַפט, סײַ נאָך דעם. איך דאַרף נאָר אָנשרײַבן אַ בקשה, אַז איך וויל אויפגעגנומען ווערן אין דער אַרבעטער־פּאַרטיי און דערנאָך זי מיטנעמען קיין לטרון, אַז ליפּאַ זאָל זי אויך חתמענען. פאַרשטייט זיך אַז איך האָב דעם פאַרשוין

תּיכּף געוויזן די טיר.

שפּעטער איז געקומען אַ פֿאָרשטייער פֿון דער הסתדרות, מלא־כּעס, סטײַטש ליפּאַ האָט געבראַכט אַזוי פֿיל טעראָריסטן קיין קרית־חיים, וווּ ס'רוב זענען אַרבעטער. ער האָט מיט חוצפּה מיר געהייסן זיך וואָס גיכער אַרויסציִען פֿון קרית־חיים. איך האָב זיך אָבער ווינציק־וואָס איבערגעשראָקן פֿאַר זײַן חוצפּה.

צו מאָרגנס בין איך געפֿאָרן קיין לטרון. דער שאָפֿער האָט מיך אַראָפּגעלאָזט אויפֿן קרייצוועג, און פֿון דאָרטן בין איך געגאַנגען צו פֿוס, אין איינעם מיט אַנדערע, באַלאָדענע מיט פּעקלעך, וואָס זענען אויך געגאַנגען צו זייערע נאָענטע אין תּפֿיסה. ס'איז געווען ערב פּסח.

בײַם טויער האָבן די ענגלענדער געבושעוועט אין אונ־דזערע פּעקלעך, געזוכט צי מיר ברענגען נישט קיין געווער. עס האָט מיך אַפֿילו נישט געאַרט. איך האָב בלויז געזוכט מיט די אויגן, געזוכט ליפּאַן, און פּלוצעם האָב איך אים דערזען. ער איז געווען אויסגעדאַרט, אָבער אָנגעטאָן ריין און פֿריש ראַזירט.

עס האָט גענומען צײַט ביז מיר האָבן געפֿונען די ווערטער. איך האָב אים געפֿרעגט ווי אַזוי ער האָט זיך דערוווּסט אַז מען האָט מיך אויך אַרעסטירט. האָב ער מיר דערציילט, אַז נאָך אין זעלביקן טאָג האָט עס אים געזאָגט איינער פֿון די וועכטערס. און דערבײַ אָנגעוויזן מיטן פֿינגער, אַז מיר געפֿינען זיך אין דער הייך. ער האָט זיך אויך דערוווּסט שפּעטער פֿון דער פֿרוי וואָס מען האָט אַרעסטירט אין איינעם מיט איר מאַן, אַז מען האָט מיך באַפֿרײַט אַ דאַנק מײַן הונגערשטרײַק.

מיט אַראָפּגעלאָזטע אויגן האָב איך אים אַ זאָג געטאָן, אַז איך פֿיל שוין דאָס קינד. ער איז געווען גליקלעך. ער האָט כּמעט געהאַלטן פֿאַר מיר אַ רעדע, מיר געזאָגט איך זאָל זיך אָפּהיטן לטובֿת דעם קינד, אַז פֿון לטרון באַפֿרײַט מען יעדן איינעם און ער האָפֿט אין גיכן צו זײַן אין דער היים.

ער האָט מיר דערלאַנגט אַ פּעקל וועש צו וואַשן און האָט מיר געבעטן איך זאָל עס אים צוריקשיקן דורך דער געזעלשאַפט „עתיד", אין איינעם מיט טלית-און-תּפילין. אין דער היים האָב איך אין פּעקל געפונען אַ לאַנגן בריוו, וואָס ליפּאַ האָט געהאַט אָנגעגרייט פאַר מיר. ער האָט צווישן אַנדערן געשריבן: „געדענקסט, מיידעלע, פאַר אַ יאָרן האָב איך אָפּגעריכט דעם סדר בײַ דער מאַמען, און מיר האָבן געזונגען: לשנה הבאה בירושלים! יאָ, איך זע די בערג פון ירושלים, אָבער איך בין דאָ אָן דיר..."

די טעג רוקן זיך. איך ווער אַלץ גרעבער. איין מאָל קומט אַרײַן אַ חבר און זאָגט מיר:

— מאַלי, מען האָט ליפּאַן אַוועקגעשיקט קיין קעניע.

— ס'קאָן נישט זײַן — איז געוועזן מײַן ערשטער ענטפער.

איך בין אָבער תּיכף-ומיד אַרײַנגעפאָרן קיין חיפה צו „אסירינו" — (אונדזערע אַרעסטירטע). דאָרטן האָט מען מיר געוויזן אַ ידיעה אין דער צײַטונג „ידיעות אחרונות", ווו ס'איז געשטאַנען געשריבן, אַז מען האָט פון לטרון אַוועקגעשיקט קיין קעניע פופציק אַרעסטירטע, מיט ליפּאַן בראָש.

— ווו איז קעניע? — האָב איך געפרעגט.

— אין אַפריקע!

איך בין געווען אין גאַנצן צעטומלט, נישט געוווסט וווּ-אַהין איך גיי און וואָס איך רעד. מען האָט מיך צוגעפירט צום אויטאָבוס קיין קרית-חיים. בײַ דער לעצטער סטאַנציע האָט מיר דער שאָפער געזאָגט איך זאָל אַראָפּגיין. איך בין אַראָפּ פון אויטאָבוס און זיך פאַרנומען גלײַך צום ים. איך האָב באַשלאָסן צו מאַכן אַ סוף צו מײַן לעבן.

ווי אין אַ חלום שוועבן פאַרבײַ פאַר מײַנע אויגן די קינדער-יאָרן, טאַטע-מאַמע, מײַן ברודער, ראַדעוויץ, טשערנאָוויץ, טראַנסניסטריע... איך בין שוין טיף אין וואַסער. ווײַטער ווייס איך נישט וואָס ס'איז געשען...

ווען כ'האָב געעפנט די אויגן, בין איך געלעגן אויפן זאַמד און מענטשן זענען געשטאַנען אַרום מיר.

— ווער האָט דיר געגעבן דאָס רעכט — האָט מען צו מיר געטענהט — אומצוברענגען אַ נאָך נישט געבוירן קינד ? און דײַן מאַן נײטיקט זיך דאָך אין דיר הײַנט, מער ווי תּמיד. דו ביסט דאָך מחויב אים צו העלפֿן !

איך האָב נישט געוויינט ווען מ׳האָט מײַן טאַטן אַרײַנגעלייגט אין קבר ; איך האָב נישט געוויינט ווען מען איז געקומען מיר זאָגן, אַז מײַן מאַמע איז פֿאַרפֿרוירן געוואָרן ; איך האָב נישט געקענט וויינען. נאָר אַצינד זענען די טרערן געקומען אין כוואַליעס און פֿאַרגאָסן מײַנע אויגן.

איך האָב זיך נישט משער געווען, אַז מע וועט שרײַבן אין צײַטונג וועגן דעם וואָס איך האָב געטאָן, און אַז די צײַטונג וועט אָנקומען קיין קעניע, צו ליפֿאַן. דאָס קעפּל אין צײַטונג האָט געשריגן :

אַ נײַע עולה, וואָס מ׳האָט איר מאַן פֿאַרשיקט קיין קעניע, האָט געפּרוּווט זיך נעמען דאָס לעבן

נאָך דעם ווי מ׳האָט איר מאַן אַרעסטירט און אָוועקגעשיקט קיין קעניע, אַפֿריקע, האָט די עולה מ. ח. 19 יאָר אַלט, פֿון קרית־חיים, זיך געפּרוּווט דערטרינקען אין ים. אַ פֿרוי, וואָס איז צופֿעליק פֿאַרבײַגעגאַנגען, האָט גערופֿן הילף און געראַטעוועט די יונגע פֿרוי, אין זיבעטן חודש שוואַנגערשאַפֿט. די יונגע מ. ח. האָט איבערגעלעבט דעם חורבן און איז געקומען אין לאַנד בויען פֿאַר זיך אַ נײַ לעבן.

אָט ווי אַזוי די בשׂורה איז דערגאַנגען צו ליפֿאַן : אין לאַגער, וווּ עס זענען געווען פֿאַרשפּאַרט די 251 אַסירי־ציון אין קעניע, אויף אַ הויכן באַרג וואָס הייסט גילגיל, איז אויך געווען אַ יונגער־מאַן מיטן נאָמען שמואל תּמיר. ער האָט געהערט צו דער מיוחסדיקער משפּחה פֿון בערל קאַצענעלסאָן און איז שפּעטער געווען, כּידוע, יוסטיץ־מיניסטער אין מדינת־ישׂראל. אים האָט מען יעדן טאָג געשיקט די צײַטונג. אַזוי איז די ידיעה דערגאַנגען צו ליפֿאַן. שמואל תּמיר האָט אַרײַנ־

גערופֿן ליפּאַן צו זיך אין באַראַק און האָט אים געוויזן די צײַטונג, ווו ס׳איז בפֿירוש געשטאַנען, אַז מען האָט מיך געראַטעוועט, אַז איך לעב.

איך קום אַהיים פֿון מײַן נישט־געלונגענעם פּרווו זיך צו נעמען דאָס לעבן, איך וואַרף אַראָפּ פֿון זיך די נאַסע קליידער, טו זיך איבער און נעם באַלד שרײַבן אַ בריוו, וואָס האָט זיך אָנגעהויבן מיט די ווערטער: „איך בין אויף צרות...״ ווײַטער האָב איך ליפּאַן געשריבן, אַז איך וועל שוין וואַרטן אויף אים אַ גאַנץ לעבן. און אַז ס׳וועט געבוירן ווערן אַ יינגעלע, וועל איך אים אַ נאָמען געבן נאָך מײַן טאַטן, און אַז ס׳וועט זײַן אַ מיידעלע, וועט עס הייסן נאָך מײַן מאַמען. ווײַטער האָב איך ליפּאַן געשריבן, ער זאָל זיך שאָנעווען, ווײַל מיר דאַרפֿן אים, און ער זאָל וויסן זײַן, אַז איך וועל נישט רוען ביז איך וועל אים נישט באַפֿרײַען.

מײַן שענסטער שפּאַציר איז געווען צו דער פּאָסט. ליפּאַ פֿלעגט מיר שרײַבן יעדן טאָג. איך האָב געוווּסט אַז ער שרײַבט שיינע בריוו, אָבער כ׳האָב זיך נישט פֿאַרגעשטעלט אַז זײַנע בריוו וועלן מיך אויף אַזוי פֿיל טרייסטן און מיר געבן מוט. איך האַלט עד־היום זײַנע בריוו אײַנגעבונדענע, ווי ביכער.

איך האָב באמת געטאָן אַלץ וואָס כ׳האָב געקענט, כּדי אים צו באַפֿרײַען. איך האָב זיך געוואַנדן צו פֿיר אַדוואָקאַטן, וואָס איינער האָט נישט געוווּסט פֿון צווייטן. איך האָב מיר אײַנגערעדט, אַז די אַדוואָקאַטן וועלן אים אַרויסראַטעווען. מיט גרויס מאַטערניש האָב איך באַוויזן צוצוקומען צו דעם אַדוואָקאַט לעוויצקי אין ירושלים. ער האָט מיך אויסגעהערט און צום סוף האָט ער מיר געוויזן די בילדער פֿון צוויי בחורים, וואָס די ענגלענדער האָבן זיי פֿאַרמישפּט צום טויט, און ער פּרוּווט זיי ראַטעווען. כּידוע, האָט מען זיי טאַקע געהאַנגען. דער אַדוואָקאַט האָט מיר געזאָגט:

— אַז איך וועל זיך פֿאַרנעמען מיט דעם ענין פֿון אײַער מאַן, וועלן די ענגלענדער ערשט רעכט מיינען, אַז זיי האָבן

געכאַפּט דעם יעניקן וואָס זיי זוכן. אַנשטאָט צו העלפן, קען עס נאָר שאַטן אײַער מאַן.

פון אַדוואָקאַט האָב איך זיך אָנגעפּרעגט צום כּותל־מערבי. דאָרטן האָב איך זיך גוט אויסגעוויינט בײַ די שטיינער און האָב זיך דערמאָנט ווי מײַן טאַטע פלעגט זינגען: שיבנה בית המקדש במהרה בימינו...

לויט מײַן חשבון, האָב איך שוין געדאַרפט זײַן אין צענטן חודש. אין איינעם אַ טאָג האָב איך זיך געפילט שלעכט און בין אַרײַנגעפאָרן קיין חיפה. אין שפּיטאָל פון ד״ר בעטער, איינע פון די וווּנדערלעכסטע פרויען וואָס כ׳האָב באַגעגנט אין מײַן לעבן. זי האָט מיך באַטראַכט און מיך באַלד אינטער־נירט. איך בין שוין געלעגן אָנגעטאָן אין אַ ווײַס העמדל, איך האָב געוויינט און זיך געפּרוּווט פאָרשטעלן ווי עס וואָלט אויסגעזען, ווען ליפּאַ איז דאָ מיט מיר.

ווען עס האָבן זיך אָנגעהויבן די געבורט־ווייען, האָט עס מיר אָפּגענומען ס׳לשון, מחמת מײַן באַזעדאָוו־קרענק. איך האָב נישט געקענט שרײַען ווי די אַנדערע פרויען וואָס זענען געגאַנגען צו קינד. די דאָקטערין האָט מיך אַרײַנגענומען אין אָפּעראַציע־זאַל און ווען כ׳האָב זיך אויפגעכאַפּט פון דער נאַרקאָזע, האָב איך געהערט ווי מע זאָגט מיר:

— מזל־טוב, האָסט געבוירן אַ מיידעלע, זי וועגט דרײַ קילאָ. זי איז געבוירן געוואָרן אַ פּאָר מינוט נאָך צוועלף בײַ נאַכט, אַזוי אַז זי איז שוין פאַרשריבן געוואָרן אויפן צווייטן סעפּטעמבער. איך האָב מײַן טאָכטער אַ נאָמען געגעבן פּנינה נאָך מײַן מאַמען וואָס האָט געהייסן פּערל.

איך האָב געבעטן שיקן אַ טעלעגראַם קײַן גילגיל, קעניע. די דאָקטערין האָט צו ערשט אַ צי געטאָן מיט די אַקסלען, דערנאָך האָט זי אײַנגעשטימט. דעם צווייטן טאָג האָב איך באַקומען אַן ענטפער: „גאָד בלעס יו״.

געווען אין שפּיטאָל אַ הויכע קראַנקן־שוועסטער, אַ רויט־האָריקע. וויפל מאָל מען האָט אַרײַנגעבראַכט די נײַ־געבוירענע

קינדער, פלעגט זי מיר זאָגן:

— דו ביסט אַ טעראָריסטקע!

צו אַלע געווינערינס זענען געקומען די מענער און די קרובים. צו מיר איז קיינער נישט געקומען. בין איך געלעגן איבערגעדעקט מיטן לײַלעך און געוויינט. די דאָקטערין פלעגט אָנשרײַען אויף מיר און מיך סטראַשען. מען האָט אַלץ באַפרײַט די קימפעטאָרינס פון שפּיטאָל, נאָר איך איינע בין שוין געלעגן דאָרטן מער ווי צוויי וואָכן. אויף מײַן שאלה פאַר וואָס מען האַלט מיך, האָט די דאָקטערין מיר געגעבן צו פאַרשטיין:

— איך דער היים וועט דיר קיינער נישט אַרויסהעלפן. דעריבער האַלטן מיר דיך...

סוף־כּל־סוף בין איך געקומען אַהיים און זיך געפּרוּווט אײַנאָרדענען. איך האָב געקויפט אַ וואַנעלע, אַ קעסל אויפצוקאָכן וואַסער און אַ גרויסן פּרימוס. פון שפּיטאָל האָט מיר די דאָקטערין מיטגעגעבן אַ נײַ קינדערבעטל מיט אַ מאַטראַץ און נאָך אַ סך נייטיקע זאַכן.

איך האָב נישט געהאַט קיין דערפאַרונג ווי אַזוי זיך מטפּל צו זײַן מיט נײַ־געבוירענע. ווען מײַן מיידעלע האָט געוויינט, האָב איך אויך געוויינט. מיט דער צײַט האָב איך זיך אָבער פון דעסטוועגן אויסגעלערנט זײַן אַ מאַמע. ליפּאַן פלעגט איך אָפט שרײַבן זויערע בריוו, וועגן מײַנע פּחדים און מײַנע שוועריקייטן. און אַזוי זענען פאַרגאַנגען די טעג און מײַן מיידעלע איז שוין אַלט געוואָרן דרײַ חדשים.

דעם 29סטן נאָוועמבער האָט די אונאָ באַשלאָסן אַז יידן האָבן דאָס רעכט אויף אַן אייגענער מדינה אין ארץ־ישׂראל. די פרייד איז געווען גרויס. מענטשן זענען אַרויס אין די גאַסן, מען האָט געטאַנצט און געזונגען. איך בין געשטאַנען בײַם פענצטער און האָב געטראַכט: ווען מײַן מאַן וועט אַהיימקומען וועל איך זיך אויך פרייען...

איך בין דורכגעגאַנגען שווערע טעג. מײַן קינד איז געווען קראַנק. אין קופּת־חולים פון קרית־חיים האָט מען מיך נישט

געוואָלט צולאָזן, און איך האָב געמוזט גיין איבער די זאַמדן, מיטן קינד אויף די הענט, ביז קיין קרית־מוצקין, צו אַ פּריוואַטן דאָקטער. איך קום צו אים — איז ער נישטאָ. זײַן פרוי זאָגט מיר, איך זאָל איבערלאָזן מײַן אַדרעס וועט ער קומען צו מיר אַהיים. איך קער זיך אום, און דאָס קינד האַלט אין איין וויינען. עס ווערט נאַכט און דער דאָקטער איז נישטאָ. ערשט צו מאָרגנס איז ער געקומען און זיך אַנטשולדיקט: ער איז געווען אין די ראַפינעריעס און ער האָט נישט געקענט אַרויס פון דאָרטן, מחמת די אַראַבער האָבן געהאַלטן אין איין שיסן. מײַן מיידעלע האָט געהאַט אַן אויערן־אָנצינדונג. האָט ער איר געגעבן טראָפּנס און זי איז אין גיכן געזונט געוואָרן.

אין יענער צײַט האָב איך געלעבט פון די זיבעציק דאָלאַר וואָס מײַנע קרובים פון אַמעריקע פלעגן מיר צושיקן יעדן חודש. איך פלעג צורוקן דאָס קינדער־בעטל צום פענצטער, פאַרשליסן די טיר און אַרײַנפאָרן קיין חיפה אין באַנק, אָפּ־נעמען דאָס געלט. מען האָט געדאַרפט אַריבערפאָרן די בריק איבער וואַדי רושמיע און דאָרטן האָבן די אַראַבער געהאַלטן אין איין שיסן. ווען מ׳איז אָנגעקומען אויף דער בריק האָבן אָנגעהויבן פליִען די קוילן און דער שאָפער האָט געהייסן מען זאָל זיך אַראָפּבײַגן. אויף דער אַנדערער זײַט בריק זענען געשטאַנען אַמבולאַנסן מיט דאָקטוירים און קראַנקן־שוועסטער, וואָס האָבן זיך תּיכּף מטפּל געווען מיט די פאַרוווּנדיקטע.

איך קום אָן אין באַנק, איז דאָרטן פול מיט אַראַבער. הייב איך אָן טענהן, אַז איך בין אַ קימפּעטאָרין, כּדי מע זאָל מיר באַלד אַרויסגעבן דאָס געלט. ערשט ווען איך קום צוריק אַרויס אין גאַס, דערזע איך די אָנגעהויפּנטע זעק מיט זאַמד און די באַוואָפנטע בחורים, וואָס שטייען הינטער די זעק. איי־נער טוט אַ געשריי:

— בייג אַראָפּ דעם קאָפּ, אויב דו ווילסט נאָך לעבן.

אַן אַנדערער בחור שטופּט מיך באַלד אַרײַן אין אַ מאַשין, איך זאָל אַרויס פון דער סכּנה. פאַרנדיק אין דער מאַשין, דערזע איך די בלוי־ווײַסע פאָן אויפן בנין פון דער פּאָליציי

אויפֿן וועג זענען געווען גרויסע עקספּלאָזיעס. אונדזערע בחורים האָבן אויפֿגעריסן אַ מאַשין מיט געווער, וואָס די אַראַבער פֿון עכּו האָבן אַרויסגעשיקט. אין איין אָטעם, מיט די לעצטע כּוחות, אַ דערשראָקענע וואָס איך האָב איבער־געלאָזט דאָס קינד בײַם פֿענצטער, בין איך אָנגעקומען אַהיים. מײַן מיידעלע איז געשלאָפֿן. עס האָט דאָ גאָרנישט פּאַסירט. איך האָב אויפֿגעהויבן די הענט צום הימל און געדאַנקט גאָט.

אין גיכן האָבן די ענגלענדער אָנגעהויבן צו פֿאַרלאָזן דאָס לאַנד. בן־גוריון האָט באַשלאָסן צו פּראָקלאַמירן מדינת־ישׂראל. איך געדענק די גרויסע פֿרייד פֿון די מענטשן און די גרויסע סכּנה, ווען די אַראַבישע שכנים זענען אַלע אָנ־געפֿאַלן אויף דער נײַ־פּראָקלאַמירטער מדינה. איך געדענק ווי אונדזערע יונגע קינדער האָבן זיך געדאַרפֿט שלאָגן און פֿאַרטיידיקן די מדינה מיט כּמעט ליידיקע הענט.

אין ראַדיאָ האָט מען אָנגעזאָגט, אַז מע וועט באַפֿרײַען די אַרעסטירטע פֿון קעניע און זיי אָפּשיקן קיין קפּריסין .אָבער צו מאָרגנס האָט מען געמאָלדן, אַז קיין תּל־אָביב זענען שוין אָנגעקומען 251 אסירי־ציון. עס האָט לאַנג נישט געדויערט און איך בין געשטאַנען מיטן קינד אויף די הענט אַנטקעגן איבער מײַן מאַן, אין קרית־חיים. ליפּאַ איז געווען אין דער היים. אַ נײַ לעבן האָט אָנגעהויבן פֿאַר מיר, אַ לעבן וואָס האָט זיך געצויגן פֿיר יאָרצענדליקער, אין לייד און אין פֿרייד.

ליפּאַ איז אַרומגעלאָפֿן זוכן אַרבעט. איין חודש האָט ער געאַרבעט בײַ באַקן מצות. צוויי חדשים האָט ער געשלעפּט זעק אין אַן איילפֿאַבריק. דערנאָך — בײַם אָפּפֿאַרבן אַ פּלויט פֿון אַ גרויסער אונטערנעמונג. איינער פֿון די מענטשן מיט וועלכע ער האָט געאַרבעט האָט אים דערקענט, אים געהייסן זיצן אונטער אַ בוים. אַנדערע האָבן שוין געאַרבעט פֿאַר אים אויך. ער האָט אין זײַן לעבן נישט געטאָן קיין שווערע אַרבעט און די הענט זײַנע זענען געוואָרן פֿול מיט בלאָטערן. בפֿרט ווען ער האָט אַ צײַט געאַרבעט בײַ האַקן שטײַנער.

איין מאָל האָט ער געפֿילט, אַז ער קען נישט מער ווײַטער

אַרבעטן. ער איז צוגעגאַנגען צום אַרבעט־פּאַרוואַלטער און אים געזאָגט אַז ער איז נישט מער בכּוח ממשיך צו זײַן. דאָס איז געווען אַרום מיטאָג־צײַט. נאָך דעם ווי ער האָט זיך אָפּגערוט אין דער הפסקה האָט ער באַקומען פון דאָס נײַ מוט און האָט שוין באַשלאָסן אָפּצואַרבעטן דעם גאַנצן טאָג. דער פּאַרוואַלטער איז אָבער צוגעקומען און אים געזאָגט:

— רב ייִד, די אַרבעט איז נישט פאַר אײַך, גייט אַהיים!

נאָך אַ צײַט האָט ליפּאַ אָנגעהויבן אַרבעטן איז דער אַגריקולטור־שול אויפן נאָמען פון יאָהאַנאַ זשאַבאָטינסקי, און מיר האָבן זיך אַריבערגעצויגן פון קרית־חיים קיין באר־יעקב. ליפּאַ האָט געטאָן אַלץ: ער האָט אײַנגעקויפט פאַר דער שול, געקאָכט און גערייניקט.

אין באר־יעקב האָבן מיר געדונגען אַ צימער, וואָס איז אַ מאָל געווען אַ שטאַל. איך האָב דאָס צימער אַזוי אײַנ־געאָרדנט, אַז דער בעל־הבית האָט גערופן די אַרומיקע שכנים, זײַ צו ווײַזן וואָס מען קען מאַכן פון אַ שטאַל.

מײַנע קרובים האָבן מיר שפּעטער געשיקט געלט פון אַמעריקע, מיר האָבן באַקומען אַ הלוואה (משכנתּא), און מיר האָבן געקויפט אַ קליינע דירה פון צוויי צימערן אין תל־אביב. די דירה איז נישט געווען קיין באַקוועמע, אָבער זי איז סוף־כּל־סוף געווען אונדזערע. ליפּאַ האָט אויך דערגרייכט אַ וויכטיקן פּאָסטן אין משרד מבקר המדינה.

עס איז אויך געקומען די צײַט איך זאָל זיך מטפּל זײַן מיט מײַן באַזעדאָוו־קרענק. איך בין דורכגעגאַנגען אַ זייער שווערע אָפּעראַציע און עס האָט געדויערט ביז איך האָב זיך ווידער געשטעלט אויף די פיס.

איך האָב זייער געוואָלט ברענגען אויף דער וועלט אַ בן־זכר, ער זאָל טראָגן דעם נאָמען פון מײַן טאַטן. דער גורל האָט אָבער געוואָלט איך זאָל געבערן בלויז מיידלעך. ווען מײַן צווייטע טאָכטער איז געבוירן געוואָרן האָב איך זי נישט געקענט אָנרופן משה, נאָך מײַן טאַטן. האָב איך איר אַ נאָמען געגעבן מרים. נישקשה, איך האָב זיך נישט וואָס צו באַקלאָגן

אויף מײַנע מיידלער: זיי האָבן אַלע אַקאַדעמישע טיטלען און האָבן שוין זוכה געווען צו ווערן באָבעס פון אייניקלער...

טאַטע־מאַמע האָבן מיר אַלע יאָרן שטאַרק אויסגעפעלט. זייער אָרט, ווי דער בעסטער חבר אין מײַן לעבן, האָט פאַרנומען ליפאַ, מײַן מאַן. נאָר צו קיין אַריכות־ימים האָט ער אויך נישט זוכה געווען. ער האָט אָנגעהויבן קרענקען און איז אַוועק פון דער וועלט.

אין פאָר אויף קבר־אבות

געווען איז עס חול־המועד סוכּות 1990.

פלוצעם באַקום איך אַ בריוו פון דעם פאָרשטייער פון די טראַנסניסטריע־יתומים, ווו ער איז מיר מודיע, אַז מע קען פאָרן קיין אוקראַינע, אין דער געגנט וואָס די רומענער האָבן אָנגערופן טראַנסניסטריע. מײַן ערשטער ענטפער איז געווען, אַז איך וויל נישט טרעטן אויף יענער „פאַרשאָלטענער ערד", ווי איך האָב געשריבן אין מײַן העברעיִשן ביכל. אין גיכן האָב איך זיך אָבער באַטראַכט, אַז ס׳איז די איינציקע געלעגנהייט צו זײַן אויף קבר־אָבות, נישט געקוקט דערויף וואָס עס זענען בלויז מאַסנגריבער. מײַנע טעכטער האָבן מיר אויך צוגערעדט, אַזוי אַז איך האָב זיך באַלד געגרייט צו דער נסיעה. איך האָב געדענקט די רעגנס און די בלאָטעס פון צוריק מיט פופציק יאָר און האָב זיך באַוואָרנט מיט שטיוול און אַ וואַרעמען מאַנטל.

אונדזער גרופּע איז באַשטאַנען פון דרײַצן מענטשן. פון פּליפלאַץ „בן־גוריון" זענען מיר געפלויגן קיין בוקאַרעשט. דאָרטן האָט מען אונדז פאַרבעטן אין דער גרויסער שול אויף אַ קבלת־פנים. און פון בוקאַרעשט זענען מיר געפאָרן מיט דער באַן, אין שלאָף־וואַגאָנען, קיין רוסלאַנד. בעת דער לאַנגער נסיעה האָב איך קיין אויג נישט צוגעמאַכט. איך האָב

געפֿילט אַ ליידיקייט אין מוח און בין נישט מסוגל געוועזן צו באַנעמען וואָס מיט מיר געשעט. איך האָב געהאַט דאָס געפֿיל, אַז איין העלפֿט פֿון מיר איז געבליבן אין דער היים און אַ צווייטע העלפֿט איז אויף דעם וועג צו יענע ערטער.

נאָך אַ גאַנצער נאַכט פֿאָרן, איז אין דער פֿרי אַרײַנגעקומען אין וואַגאָן אַ רוסישער אָפֿיציר, בודק זײַן די פּאַספּאָרטן. עס האָט געהייסן אַז איך פֿאָר אויף אַ וויזיט צו קרובים. מיט מיר איז געפֿאָרן אַ שוועסטערקינד, איצט אַן אַמעריקאַנישע בירגערין. זי אַליין איז אין טראַנסניסטריע נישט געווען, אָבער איר גאַנצע משפּחה איז דאָרטן אומגעקומען. איך האָב געהאַט בײַ זיך בלויז 200 דאָלאַר. כ׳פֿאָר דאָך נישט קיין מאָנטע־קאַרלאָ, האָב איך געטראַכט, און אַז איך וועל זיך נייטיקן אין געלט, וועט מיר מײַן שוועסטערקינד אַרויסהעלפֿן.

מיר זענען אומעטום אַרומגעפֿאָרן אין אַן אויטאָבוס, וואָס איז געווען בעצם אונדזער רעזידענץ און ווו מיר האָבן געהאַט אונדזערע רענצלעך. איך געדענק אַז ערגעץ אין אַ דאָרף האָט אונדז דער אָרטיקער פֿאַרשטייער פֿאַרבעטן אויף אַ מיטאָג מיט אַ סך עסן און וואָדקע. די מענער האָבן מיטן גוייִשן פֿאַרשטייער פֿאַרפּירט אַ שמועס און יענער האָט פּלוצעם אַ פֿרעג געטאָן, פֿאַר וואָס מיר הרגענען אַראַבער אין ישׂראל. כּידוע זענען מיר אין דער היים צעטיילט אין פֿאַרשיידענע פּאַרטייען, מיט פֿאַרשיידענע מיינונגען, אָבער דאָרטן זענען מיר אַלע געווען פֿאַראייניקט ווי ייִדן, און האָבן געענטפֿערט ווי עס קער צו זײַן.

מיר קומען אָן קיין טשערנאָוויץ. ווען איך בין אַראָפּגעגאַנגען פֿון אויטאָבוס האָבן מיר געציטערט די פֿיס פֿאַר איבערגעראַשטקייט. מיר האָבן זיך איבערגעטאָן און באַלד געגאַנגען אויף אַ קבלת־פּנים צו דעם טשערנאָוויצער בירגערמײַסטער אויפֿן רינגפּלאַץ. דער בירגער־מײַסטער האָט אונדז שיין אויפֿגענומען, ער האָט געלויבט דאָס ייִדישע פֿאָלק און זיך באַרימט אַז ער האָט תּמיד געהאַט ייִדישע פֿרײַנד. ער קען נאָר נישט פֿאַרשטיין, האָט ער געזאָגט פֿאַר וואָס די ייִדן

אַנטלױפן פון רוסלאַנד. מיר האָבן עס אָבער יאָ פאַרשטאַנען . .

מיר האָבן אונדזערע גאַסטגעבערס דערלאַנגט „סוּװעניִרן" פון ירושלים און מיר האָבן פון זײער זײַט באַקומען אַ בוך װעגן טשערנאָװיץ, געשריבן אין פיר שפּראַכן. עס האָט גע־נומען אַ װאָרט דער פאָרשטײער פון דער ייִדישער קהילה, װאָס האָט קודם גערעדט אויף עברית און דערנאָך אַריבער אויף אוקראַיִניש. עס זענען געװען דאָרטן זשורנאַליסטן, און אַ רעפּאָרטער פון דער טעלעװיזיע האָט מיך אָנגעהױבן אויס־פרעגן, װאָס איך דערמאָן זיך װעגן דער שטאָט טשערנאָװיץ. איך האָב באַשלאָסן צו רעדן בלױז עברית, הגם איך האָב געקענט רעדן דײַטש אָדער ייִדיש. איך האָב אים דערצײלט אַז איך געדענק װי אַזױ מען האָט אונטערגעצונדן דעם גרױסן טעמפּל פון טשערנאָװיץ, װען די דײַטשן זענען אַרײַן אין שטאָט, װי איך בין געשטאַנען אויפן דאַך און האָב געשריגן: „דער טעמפּל ברענט!"

דעם צװײטן טאָג האָבן מיר מענטשן דערצײלט, אַז מען האָט מיך געזען אין דער טעלעװיזיע. איז מיר אײַנגעפאַלן צו מאָנען אַ קאָפּיע פון דער קאַסעטע. מען האָט מיר גע־ענטפערט, אַז אין רוסלאַנד קען מען נישט פועלן אַזאַ זאַך, אָבער איך האָב פון דעסטװעגן באַקומען אַ קאָפּיע, נישט אומזיסט, פאַרשטײט זיך. עס האָט מיך געקאָסט הונדערט דאָלאַר. מיר איז עס געגאַנגען אין לעבן איך זאָל ברענגען אַזאַ קאַסעטע פאַר מײַנע אײניקלעך.

דעם צװײטן טאָג האָט מען אונדז אַרומגעפירט װײַזן די רעזידענץ, דעם אוניװערסיטעט, די קלױסטערס און דעם מוזיי. מען האָט אונדז געװיזן קונסט-בילדער און קונסט-אַרבעטן פון 16טן און 17טן יאָרהונדערט. בעת מען האָט אונדז אַלץ דערקלערט, האָב איך געטראַכט װעגן מײַן טאַטן, און גערעדט צו אים: דו זעסט, טאַטע, װי עס עפענען זיך אַלע טױערן פאַר אַ ייִדענע פון מדינת-ישׂראל!?

װײַטער האָט מען אונדז פאַרבעטן אין דער ייִדישער קהילה און מיר זענען געפאָרן אַהין דורך דער טעמפּל-גאַס. װען

די דייטשן האָבן אונטערגעצונדן דעם טעמפּל איז דער דאַך געבליבן גאַנץ איבער די פאַררייכערטע ווענט. ווען די סאָוועטן האָבן זיך אומגעקערט קיין טשערנאָוויץ, האָבן זיי באַנוצט דעם דאַך, און אויסגעבויט אַ קינאָ אויפן אָרט וווּ ס'איז געשטאַנען דער טעמפּל.

מען האָט אונדז אַרייַנגעפירט אין אַ שיינעם זאַל, פול מיט מענטשן, און אַוועקגעזעצט אין דער ערשטער ריי. די קהילה־פאַרשטייערס האָבן אונדז געגעבן אַ מעדאַל מיטן נאָמען פון אליעזר שטיינבאַרג און אויך אַ קאָנווערט מיט בילדער וועגן יִידישן טשערנאָוויץ. מען האָט אונדז אויך מכבד געווען מיט אַ סך בלומען.

צום סוף איז איינער פון אונדזער גרופּע, אַ פּיאַניסט, אַרויפגעגאַנגען אויף דער בינע און געשפּילט די התקוה אויפן קלאַוויר. מיר האָבן געזען ווי די מענטשן אין זאַל האָבן זיך געווישט די טרערן פון די אויגן.



אין אַ הויז פון אַ שולע אין טשערנאָוויץ

דענקמאָל נאָך 400 דערמאָרדעטע יידן צווישן דעם 6טן און 8טן יולי 1941

פון דאָרטן זענען מיר געפאָרן אין קוואַרטאַל וווּ ס'איז געווען די געטאָ. אויף אַ וואַנט ווײַזט מען אונדז אַ גרויסע טאָוול, אויף וועלכער ס'איז אויסגעקריצט אויף ייִדיש און אויף אוקראַיִניש, וואָס אין אָט די גאַסן איז פאָרגעקומען. פאַר מײַנע אויגן זע איך דאָס בילד, ווי איך שטיי האַנט אַין האַנט מיט מײַן ברודער. איך האַלט מיך מיט אַלע כּוחות איך זאָל זיך נישט פונאַנדערוויינען.



קבר פון אליעזר שטיינבאַרג אויפן טשערנאָוויצער בית־עולם

און אָט קומען מיר אויפן טשערנאָוויצער בית־עולם, אַ ריזיקער בית־עלמין. אָן אַ שיעור צעבראָכענע מצבות, אײַנגעזונקענע, דאָ און דאָרט, נײַע. ס'איז אָפּגערײַניקט ספּעציעל אַ וועג צו דעם קבר פון אליעזר שטיינבאַרג. מיר האָבן געבראַכט בלומען און לייגן זיי אַוועק אויף דער שיינער מצבה.

אָבער איך מיט מײַן שוועסטערקינד זוכן די מצבה פֿון מײַן באָבען, מײַן מאַמעס מאַמע, וואָס האָט מיך אויפֿגעכאָוועט און וואָס איך פֿלעג זיך באַהאַלטן אונטער איר פֿאַרטעך. איך געדענק אַפֿילו, אַז די מאַמע איז געווען ברוגז, ווײַל די באָבע נעמט זיך שטענדיק פֿאַר מיר אָן, ווײַל זי פֿאַר־פּיעשטשעט מיך. איך האָב אַפֿילו געהאַט אַ בילד פֿון מײַן באָבעס קבר. ווען מען האָט געשטעלט דעם מצבה־שטיין האָט מען אים פֿאָטאָגראַפֿירט, כּדי צו שיקן די קרובֿים אין אויסלאַנד. מיר האָבן באַלד אײַנגעזען, אַז ס'איז אוממעגלעך אָפּצוזוכן אַ מצבה אין דעם ריזיקן ים פֿון שטיינער.

בעת מיר גייען שוין צוריק צום טויער, מיט אַ ווייטיק אין האַרץ וואָס מיר זענען שוין געווען אַזוי נאָענט און נישט באַוויזן צו געפֿינען די מצבה, דערמאָן איך זיך פּלוצעם דעם זומער, ווען כ'בין אַלט געווען אַן ערך זעקס אָדער זיבן יאָר: איך בין אַרומגעלאָפֿן אַ באָרוועסע איבערן הויף און בין אַרויף מיטן פֿוס אויף אַ גרויסן טשוואָק וואָס האָט אַרויס־געשטעקט פֿון אַ ברעט. שפּרינגענדיק אויף איין פֿוס האָב איך געשריגן: איך בין נישט שולדיק, נישט איך בין געגאַנגען צום טשוואָק, דער טשוואָק איז געקומען צו מיר... די באָבע האָט מיר באַלד אויסגעוואַשן די וווּנד מיט וואַסער און זייף, דערנאָך האָט זי צוגעלייגט צווײ גרינע בלעטלעך, וואָס זי האָט אָפּגעריסן אין גאָרטן, און פֿאַרבונדן דעם פֿוס מיט אַ ווײַס טיכעלע.

יענע בלעטלעך וואָס די באָבע האָט מיר צוגעלייגט, ביז די וווּנד האָט זיך פֿאַרהיילט, קען איך עד־היום נישט פֿאַרגעסן. ווּ איך האָב ערגעץ דערזען אַ גרינעם שטח האָב איך תּמיד, אַלע מײַנע יאָרן, געזוכט דער באָבעס בלעטלעך. כ'האָב עס אויך דערציילט מײַנע קינדער און אויסגעמאָלן פֿאַר זיי ווי די בלעטלעך זעען אויס. אַצינד, גייענדיק אויפֿן טשערנאָוויצער בית־עולם, ווּ איך האָב נישט געקענט געפֿינען דער באָבעס קבר, דערזע איך פּלוצעם יענע בלעטלעך. זיי וואַקסן דאָרט אין די צענדליקער אין די הונדערטער, אין די טויזנטער...

איך בייג זיך אַראָפּ, רײַס אָפּ פּולע זשמעניעס, שטופּ זיי אַרײַן אַזוי קעשענע און שעפּטשע: אַ דאַנק דיר באָבע, דו האָסט אין מיר נישט פאַרגעסן . . .

לעבן טויער איז געשטאַנען דער אוהל פון אַ צדיק. איך האָב דערזען די צוויי אײַנגעקריצטע הענט, ווי בײַם דוכענען, און האָב פאַרשטאַנען אַז דער צדיק איז געווען אַ כהן. אויך מײַן טאַטע איז געווען אַ כהן. טולליע איך זיך צו צו דעם אוהל און בעט דעם צדיק ער זאָל גיין דאָרטן אין גן־עדן צו מײַנע טאַטע־מאַמע, וואָס זענען אומגעקומען אויף קידוש־השם, וואָס האָבן נישט זוכה געווען עולה צו זײַן קיין ארץ־ישׂראל, און זיי אָנזאָגן, אַז איך, זייער טאָכטער, האָב איבערגעלעבט דעם חורבן, האָב אויפגעשטעלט אַ שיינע משפחה און בעט טאַקע פאַר זיי און פאַר כלל־ישׂראל, זיי זאָלן זײַן געזונט און שטאַרק. דערנאָך האָב איך אַרויסגענומען דאָס פּעקל ליכט, וואָס כ׳האָב געהאַט אין קעשענע, און זיי אַלע אָנגעצונדן בײַם צדיקס אוהל.

דעם אַנדערן טאָג זענען מיר געפאָרן קיין אַטאַקי. איך האָב שוין נישט דערקענט די שטאָט. נישטאָ מער די באַנרעלסן אויף וועלכע מיר זענען אָנגעקומען אין די פי־וואַגאָנען. אויך די בלאָטעס זענען נישט מער פאַראַן. די ווענט ווו ס׳איז געווען אָנגעשריבן „דאָ האָט מען געהרגעט ייִדן" זענען ווײַס אָפּגעקאַלכט. בלויז דער דניעסטער איז געבליבן דער זעלבער. איבערן דניעסטער איז אויסגעבויט אַ נײַע, מאָדערנע בריק און מיר גייען אַריבער צו פוס קיין מאָגיליאָוו. וויפל ייִדיש בלוט און טרערן האָט אײַנגעזאַפּט אין זיך אָט דער דניעסטער! איינער פון אונדזער גרופּע נעמט אַרויס אַ סידורל און זאָגט „אל מלא רחמים".

אויפן אַנדערן ברעג האָט אונדז באַגריסט דער מאָגיליאָ־ווער בירגער־מײַסטער. אויך ער האָט געלויבט די ייִדן ביזן הימל אַרײַן און האָט געזאָגט, אַז ער וואָלט שוין דאָ אויפן אָרט, אין מאָגיליאָוו, געחתמעט אַ פּאַקט מיט מדינת־ישׂראל.

אַ גרויסע צאָל ייִדן האָבן זיך פאַרזאַמלט, געוואָלט זען

מיט די אייגענע אויגן, אַז מיר, ייִדן פון ישׂראל, זענען טאַקע דאָ צווישן זיי. זיי האָבן שוין נישט מורא געהאַט צו רעדן ייִדיש און דערציילן אַז זיי ווילן אַלע פאָרן קיין ישׂראל. זיי האָבן אונדז געהאַלטן אין איין פרעגן וואָס ס׳איז כּדאַי מיט־צונעמען, און אַ טייל האָבן אונדז איבערגעגעבן בריוולעך פאַר זייערע קרובֿים אין ישׂראל.

אין גאַנצן אומגעריכט פאַר זיך אַליין האָב איך פּלוצעם אַ פרעג געטאָן:

— ווייסט עמעצער פון אײַך עפּעס וועגן קלאַראַ וואַסער און איר ברודער?

איך האָב געהערט ווי עמעצער הייסט מיר איבערחזרן מײַנע רייד. און אַז איך האָב נאָך אַ מאָל געזאָגט נאָך וועמען איך פרעג זיך נאָך, האָט איינער פון דעם פאַרזאַמלטן עולם זיך אָנגערופן:

— דאָ שטייט פאַר דיר איזי וואַסער...

איך בין אַזש דערציטערט געוואָרן. מיר האָבן דאָך געהאַט דעם זעלביקן גורל! איזיס מאַמע איז דאָך, פּונקט ווי מײַן מאַמע, פאַרפרוירן געוואָרן אויפן וועג, אין דער זעלביקער צײַט. איזי איז געבליבן בײַ אַ מומע און קלאַראַ איז אין איינעם מיט מיר אַרײַן אין יתומים־הויז. ווען די רומענער האָבן דערלויבט מען זאָל די יתומים צוריקשיקן קיין רומעניע, האָב איך קלאַראַן געבעטן זי זאָל נעמען איר ברודערל, איזין, און קומען מיט מיר. זי האָט אָבער געטענהט, אַז זיי קענען נישט אַוועקפאָרן פון מאָגיליאָוו, ווײַל זיי מוזן וואַרטן אויף זייער טאַטן, וואָס געפינט זיך אין דער רויטער אַרמיי. איצט זענען מײַנע ערשטע ווערטער געווען:

— דער טאַטע האָט זיך אומגעקערט?

— ניין — האָט איזי געענטפערט — דער טאַטע איז נישט צוריקגעקומען פון דער מלחמה.

איזי איז אַצינד געווען אַ הויכער מאַן מיט שניי־ווײַסע האָר. ער איז געשטאַנען אַן אויפגעציטערטער, פּונקט ווי איך. ער האָט דאָך אויך גאָרנישט געוווּסט וואָס צו זאָגן, וואָס צו

דערציילן, וואָס צו פרעגן. מען האָט אונדז גערופן צום טיש. איזי, אין איינעם מיט אַנדערע יידן פון מאָגיליאָוו, זענען מיט־געקומען מיט אונדז, מען האָט געטרונקען לחיים און גע־ווונטשן: לשנה הבאה בירושלים!



אין מאָגיליאָוו: דאָס בית־עולם מיטן מאַסן־קבר

איך האָב געבעטן מען זאָל אונדז פירן אויפן מאָגיליאָווער בית־עולם. איידער איך בין געפאָרן קיין „טראַנסניסטריע", האָב איך געפרעגט אַ רב, צי מעג איך דאָרטן זאָגן קדיש אויפן מאַסן־קבר, כאָטש איך בין אַ כּהנס אַ טאָכטער. האָט מיר דער רב געזאָגט אַז איך מעג. איצט בין איך געשטאַנען צווישן די צעבראָכענע און איינגעזונקענע מצבות אויפן מאָ־גיליאָווער בית־עולם. עס ליגן דאָרטן מיין טאַטע און מיין באָבע, דעם טאַטנס מאַמע. ביים לעבן האָבן זיי זיך נישט

אײַנפאַרשטאַנען; דאָ ליגן זײ אין איין קבר. איך האָב אַנידער־געלייגט בלומען אויפן קבר און געזאָגט: „יתגדל ויתקדש"... איך האָב געוויינט און אַלע וואָס זענען אַרום מיר האָבן מיטגעוויינט.

מען האָט אונדז נישט געלאָזט איבערנעכטיקן אין מאָ־גיליאָוו. פאַר וואָס, ווייס איך נישט. זענען מיר צוריקגעפאָרן קיין טשערנאָוויץ, אָבער דעם צווייטן טאָג בין איך ווידער געפאָרן קיין מאָגיליאָוו. דאָס מאָל האָב איך זיך געקענט בעסער פונאַנדערשמועסן מיט איזין. ער האָט מיר דערציילט אַז ער האָט אין ישׂראל אַ זון, אַ חתונה־געהאַטן, מיט קינדער; ער האָט אויך אַ טאָכטער וואָס וויל אויך אַרויספאָרן פון אוקראַיִנע; איר מאַן איז אָבער נישט קיין ייִד. קלאַראַ, איזיס שוועסטער, לעבט אין בעלץ. זי האָט חתונה געהאַט מיט אַן אינוואַליד און האָט שוין אויסגעגעבענע קינדער. אַלע האָפן זײ אַרויס־צופאָרן קיין ישׂראל.

איך האָב זיך נאָכגעפרעגט אויף די יתומים־הײַזער, צי שטייען זײ נאָך? האָט ער מיר דערציילט, אַז צוויי פון זײ האָט מען צעוואַליעט. דער בנין ווו ס'איז געווען דער דריטער „אָרפעלינאַט" שטייט נאָך אויף אַן אָרט. זענען מיר געגאַנגען אַהין, זען ווי עס זעט אויס הײַנט צו טאָג. מיר זענען פאַרבײַ־געגאַנגען דעם „טאַלטשאָק", דעם גרויסן מאַרק, ווו מיר פלעגן גיין אויסבײַטן עטלעכע „שמאַטעס" אויף אַ שטיקל ברויט. דאָס אָרט האָט זיך אין גאַנצן געביטן, נישט צו דערקענען. נישטאָ מער די הילצערנע טרעפּ, נישטאָ די בלאָטעס. דער פּלאַץ שטייט ליידיק. פון דעסטוועגן האָב איך אַלץ פאָטאָגראַפירט. אַלץ וואָס איך האָב דאָ דערציילט איז בײַ מיר פאַראייביקט געוואָרן אין פאָטאָגראַפיעס. מיר איז געגאַנגען אין לעבן, איך זאָל אַהיימברענגען די בילדער, די קינדער און די אייניקלער זאָלן זען די דאָזיקע ערטער.

אונדזער גרופּע האָט זיך פונאַנדערגעטיילט. איטלעכער האָט געוואָלט אָפּזוכן די ערטער, ווו ער איז אַ מאָל געווען

מיט זײַנע עלטערן. איך בין געבליבן מיט מײַן שוועסטערקינד און נאָך אַ טשערנאָוויצער ייִד, וואָס איז אויך געווען אין מאָגיליאָוו מיט זײַנע טאַטע־מאַמע.

איזי האָט מיך געפירט צו זיך אַהיים און איך האָב זיך באַקענט מיט זײַן יונגער פרוי — אַ שיינע, נאָר שטאַרק אַ גראָבע. איך האָב בשום־אופן נישט געקענט פאַרשטיין ווי אַזוי מען קען אַזוי גראָב ווערן, בפרט אַז ס׳איז, ווי מע זאָגט, נישטאָ וואָס צו עסן אין רוסלאַנד.

— וואָס איז דײַן פרנסה? — האָב איך איזין אַ פרעג געטאָן.

— איך בין אַ באַרבירער — האָט ער געענטפערט — און מײַנע קליענטן באַצאָלן מיר מיט שפּײַז, אַנשטאָט מיט רובלען.

אויב אַזוי, האָב איך בײַ זיך געטראַכט, פעלט דאָך נישט קיין עסן אין שטוב.

איך בין נאָך אַ מאָל געגאַנגען אויפן בית־עולם. דאָס מאָל בין איך געווען אַ סך רויִקער און האָב געזאָגט בײַם מאַסן־קבר דעם גאַנצן קדיש. ווילדע גראָזן זענען פרײַ געוואַקסן אין דער הייך אַרום די קברים. איך האָב געפרעגט צי די כּמעט טויזנט ייִדן אין מאָגיליאָוו זענען נישט מסוגל אָפּצורייניקן דאָס אָרט, די ציגן זאָלן נישט קומען זיך פּאַשען דאָרטן. האָט מען מיר געענטפערט:

— לאָז אונדז איבער דאָלאַרן, וועלן מיר עס טאָן...

זיי זענען אפשר געווען גערעכט, אָבער פון דעם זאָג אַליין איז מיר געבליבן אַ ביטערער טעם.

איך האָב זיך אָפּגעזעגנט מיט איזי וואַסער און מיט מאָגיליאָוו. מיר זענען ווײַטער געפאָרן צו אַ מקום מיטן נאָמען מוראַפאַ, דאָרטן ווו מײַן מאַמע און מײַן ברודער זענען פאַר־פרוירן געוואָרן. אין מוראַפאַ האָבן מער קיין ייִדן נישט גע־לעבט. מען האָט מיר געזאָגט, אַז ס׳איז אויך נישטאָ מער דאָרטן קיין בית־עולם. בלויז אַ גרויסע מצבה „לזכר״ איז

פֿאַראַן אין מוראַפֿאַ. אין אוקראַינע זענען אומעטום פֿאַראַן מצבות, צו מאָל צוויי אויף איין גאַס, וואָרעם דאָרטן זענען אָנגעגאַנגען גרויסע שלאַכטן בעת דער צווייטער וועלט־מלחמה. אַ ריזיקע מצבה — דרײַ מעטער די הייך און פֿופֿצן מעטער די ברייט, אויסגעגאָסן פֿון בעטאָן. אויף דער מצבה איז אויסגעקריצט אַ ברענענדיקער טאַנק, אַ פֿאַלנדיקער עראָפּלאַן און אַ רוסישער סאָלדאַט וואָס פֿאַלט מיט דער רויטער פֿאָן אין האַנט; אַן אַנדער סאָלדאַט הייבט אויף די רויטע פֿאָן, און אַ קראַנקן־שוועסטער העלפֿט דעם פֿאַרוווּנדיקטן. אויף די טאָוולען זענען אויסגעקריצט אַ סך נעמען. גלײַך בײַם אָנהייב לייען איך ייִדישע נעמען: פּינחס גאָלדשטיין, אַבראַמאָוויטש... איך טראַכט וויפֿל יונגע לעבנס זענען פֿאַרשניטן געוואָרן אויף אָט דער פֿאַרשאָלטענע ערד!

פֿון מוראַפֿאַ זענען מיר געפֿאָרן קיין פּעטשאָראַ. דער שאָפֿער אַליין האָט נישט געוווּסט ווו דער מקום געפֿינט זיך, און עס האָט געדויערט ביז ער האָט זיך אָנגעפֿרעגט. אין פּעטשאָראַ האָבן אויף אונדז געוואַרט אַ סך מענטשן. זיי האָבן שוין געוואַרט עטלעכע שעה, ווײַל מיר האָבן פֿאַרשפּעטיקט. פּעטשאָראַ איז געלעגן אין אַ גרויסן וואַלד מיט יונגעביימער. בײַם אַרײַנגאַנג איז געשטאַנען אַ מצבה אויף וועלכער ס'איז געווען אָנגעשריבן: „דאָ זענען אומגעקומען 50.000 רומענישע ייִדן".

פֿאַר דער מלחמה איז פּעטשאָראַ געווען אַן אָרט ווו עס זענען זיך געקומען היילן לונגען־קראַנקע. מיר זעען איצט פֿון דער ווײַטן דעם גרויסן שפּיטאָל, ווו מען האָט בעת דער מלחמה אַרײַנגעטריבן די ייִדן און ווער ס'איז אַהין אַרײַן איז שוין קיין לעבעדיקער נישט אַרויס. נאָך דער מלחמה האָט מען דעם שפּיטאָל רענאָווירט און געעפֿנט דאָרטן אַ שול פֿאַר קראַנקן־שוועסטער.

איך האָב געהאַט מיט זיך אַ נײַלאָן־זעקעלע און אַ לעפֿל. כ'האָב זיך אײַנגעבויגן צו נעמען אַ ביסל ערד. שטעלט מיך פּלוצעם אָפּ אַ פֿרוי און זאָגט צו מיר: „נישט פֿון דאַנען!"

ס׳איז געווען אַ ייִדישע פרוי, וואָס האָט געהאַט אַ גרויסן פּאָסטן אין דער פּאַרטיי, און זי האָט זיך געסטאַרעט מען זאָל אויפשטעלן אומעטום מצבות אויף די מאַסן־קברים.

אַ מאַשין האָט אונדז צוגעפירט צו אַ גרויסן פּלאַץ, אַרומ־געריגנלט מיט אַ פריש אָפּגעקאַלכטן פּלויט. פון יענער זייַט פּלויט האָבן זיך געהויבן צוויי בערגלעך — די מאַסן־קברים. אויף איינעם פון די בערגלעך שטייט אַ מצבה, אויף וועלכער ס׳איז אויסגעקריצט אַ מאַמע מיט אַ קינד אויף די הענט. אין אָט דעם קבר ליגן בלויז קינדער. אויפן צווייטן בערגל איז אויך פאַראַן אַ מצבה, אויף וועלכער עס ליגן אַ סך בלומענ־קרענץ.

— דאָ האָט אויך געדאַרפט זייַן מייַן קבר! — האָב איך אויסגעשריִען — נאָר די רוצחים האָבן נישט אוספּייעט.

איך האָב געוואָלט אויסשרייַען: „גאָט!“ — נאָר כ׳האָב זיך באַלד געכאַפּט, אַז דאָ איז קיין פּלאַץ נישטאָ פאַר גאָט. איך האָב זיך נישט געקענט אָפּרייַסן פון דעם אָרט. איך בין געשטאַנען און נישט אויפגעהערט צו וויינען, ביז מען האָט מיך כמעט מיט גוואַלד אַוועקגעריסן, אַרייַנגעזעצט אין מאַשין, און מיר זענען אָפּגעפאָרן קיין וויניצע.

אין וויניצע האָט מען אונדז אייַנקוואַרטירט אין אַ האָטעל. איך האָב זיך אַפילו נישט געקענט אויסטאָן, אַזוי פאַרזונקען בין איך געווען אין מייַנע געדאַנקען פון אַלץ וואָס כ׳האָב געזען און געהערט אין די לעצטע טעג. איך האָב אַ גאַנצע נאַכט זיך צוגעהערט צו דעם רעש פון די טראַמווייַען אויף די שטראָזן.

אין דער פרי האָב איך געפילט אַז כ׳בין הונגעריק. פלייש מיט געלן קעז, וואָס מען האָט דערלאַנגט אין האָטעל, האָב איך נישט געקענט אַראָפּשלינגען, כאָטש איך בין נישט קיין רביצין. בין איך אַרויס אין גאַס זוכן עפּל. איך זע אַ גרויסן „סופּערמאַרקעט“, מיט גרויסע וויטרינעס, אָבער אַלע קעסטלעך זענען ליידיק. דאָס בילד איז שווער צו באַשרייַבן, מע דאַרף

אין וויניצע : דענקמאָל נאָך אויסגעהרגעטע יידישע קינדער

עס זען מיט אייגענע אויגן. בײַ דער טיר שטייען צוויי מענער אָנגעטאָן אין ווײַסע כאַלאַטן און וואַרעמען זיך בײַ דער אָק־טאָבער־זון. איך זאָג צו זיי: „יאַבלאָטשקאַ, קילאָ...״ — דאָס מיינט אַ קילאָ עפּל וויל איך. ווײַזן זיי מיר אויף די ליידיקע קעסטלעך און הייסן מיר גיין ווײַטער אין אַ פּרוכטגעשעפט.

איך קום צו צו דער טיר, און זע אַז אין געשעפט איז חושך־מצרים. איך פּיל אָבער דעם ריח פון פּרוכטן. איך גיי אַרײַן, די אויגן מײַנע געוווינען זיך אַ ביסל צו צו דער פינצטערניש, און איך מאָן בײַ דעם פאַרקויפער „קילאָ יאַבלאָטשקאָ״. קוקט ער מיך אָן און זאָגט מיר אַז ער קען מיר פאַרקויפן בלויז איין עפּל, און דערבײַ פרעגט ער מיך צי איך האָב פּאַפּיר אײַנצופּאַקן דעם עפּל. ווען ער זעט אַז איך באַנעם נישט וואָס ער מיינט צו זאָגן, פאַרשטייט ער שוין אַז כ׳בין אַ פרעמדע און נעמט פון ערגעץ אַרויס אַ שטיקל פּאַפּיר: פּראָטעקציע! איך באַצאָל און גיי אַרויס. אין דרויסן שטייט שוין אַ ריזיקער אָטשערעד, דאָס מיינט אַ ריי מענטשן. פון וואַנען האָבן זיי זיך אַזוי גיך גענומען אַהער? כ׳בין דאָך ערשט אַרײַן אין געשעפט. פון דער ווײַטנס דערזע איך אַ לאַסטאויטאָ מיט קרויט. וואַרט מען, הייסט עס, צו באַקומען אַ הייפּטל קרויט...

אין וויניצע האָט מען אונדז פאַרבעטן אין דער קהילה בײַ אַ געדעקטן טיש מיט מינעראַל־וואַסער. אויך דאָ איז געווען דער בירגער־מײַסטער, וואָס האָט אין זײַן באַגריסונג דערציילט, אַז ער האָט באַקומען דעם ערשטן פרײַז אין דער גאַנצער געגנט פאַר דעם מינעראַל־וואַסער... אויך ער האָט באַדויערט וואָס די ייִדן פאָרן אַוועק פון וויניצע.

פון דער קהילה האָט מען אונדז געפירט אין אַ שול, וווּ דער עולם האָט אונדז מקבל־פּנים געווען מיט: „הבאנו שלום עליכם״. איינע פון די לערערקעס האָט מיר דערלאַנגט צוויי לידער, וואָס זי האָט אָנגעשריבן וועגן פּעטשאָראַ. איך האָב די לידער מיטגענומען און זיי דערנאָך איבערגעגעבן אין יד ושם אין ירושלים. פאַר נאַכט האָט מען געפּראַוועט שׂמחת־תורה. מען האָט אונדז פון פריִער אָנגעזאָגט, מיר זאָלן קומען אָנגעטאָן יום־טובדיק, ווײַל אין איין וועגס געזעגנט מען זיך אויך פון אַן עולם, וואָס פאַרט דעם אַנדערן טאָג קיין ישׂראל.

ס׳איז געווען אַ פרײַלעכער אָוונט. מען האָט געבראַכט מוזיק און אַ ייִדישע זינגערין האָט געזונגען לידער אויף

העברעיִש. די פֿאָרשטייערס פֿון דער קהילה האָבן אונדז געבראַכט מתּנות, און די טוריסטן-געזעלשאַפֿט האָט אונדז געשענקט ווײַסע בלוזקעס מיט אויסגענייטע אוקראַיִנישע מאָטיוון. איך האָב קוים געפֿועלט בײַ דעם טוריסטן-באַגלייטער, אַ טשערנאָוויטשער ייִד, לעבט הײַנט אין ישׂראל, ער זאָל מיר פֿאַרשאַפֿן צוויי בלוזקעס, ווײַל איך האָב אין דער היים צוויי טעכטערלעך און קען מיט איין בלוזקע נישט יוצא זײַן. כאָטש ס׳איז שוין געווען נאָכט האָט דער באַגלייטער זיך באַמיט און איז מיר אַנטקעגנגעקומען, מיר געבראַכט די צוויי בלוזקעס. אַזוי האָבן מיר זיך געזעגנט מיט וויניצע און אָפּגעפֿאָרן צוריק קיין טשערנאָוויץ.

אין טשערנאָוויץ האָבן מיר זיך באַגעגנט מיט די באַגלייטערס פֿון אונדזער גרופּע. דער פֿאָרשטייער פֿון די טראַנסניסטריע-יתומים האָט געהאַלטן אַ קורצע רעדע און האָט אַפֿילו געלייענט אַ ליד וואָס ער האָט אָנגעשריבן לכּבֿוד אונדזער גרופּע. איך האָב דערנאָך גענומען דאָס וואָרט און האָב דערציילט וועגן דעם רושם וואָס עס האָבן אויף מיר געמאַכט די צען טעג אין אוקראַיִנע. איך האָב זיך באַדאַנקט, און געזאָגט אַז איידער מיר זענען אַרויסגעפֿאָרן זענען מיר געווען פֿרעמדע מענטשן און אַצינד זענען מיר כּמעט ווי איין משפּחה.

מיר זיצן שוין אַלע מיט די פּעקלעך אין לאָבי פֿון האָטעל. איטלעכער איז פֿאַרטיפֿט אין זײַנע געדאַנקען. פּלוצעם קומט אַרײַן אַ יונגע פֿרוי און שטעלט זיך פֿאָר, אַז זי איז אַ זשורנאַליסטקע פֿון „ראַדיאַנסקאַ בוקאָווינאַ״. דאָס האַרץ האָט זיך אין מיר אַ וואָרף געטאָן. צוריק מיט פֿופֿציק יאָר האָט דאָרט מײַן ברודער געאַרבעט אין אַט דער צײַטונג. איך קאָן זיך נישט אײַנהאַלטן און דערצייל עס דער זשורנאַליסטקע. זי הערט מיר אויס, בעט איך זאָל איר אַנטשולדיקן און לויפֿט אַרויס פֿון האָטעל. נאָך אַ קורצער צײַט קומט זי צוריק און איז מיר מודיע, אַז זי האָט אין אַרכיוו פֿון דער צײַטונג

געפּונען מײַן ברודערס נאָמען. ער האָט צו מאָל געחתמעט „מוני הירש״ און צו מאָל „מ. ה.״. די זשורנאַליסטקע האָט געמיינט אַז איך וועל זיך פרייען מיט דער בשורה, אָבער איך בין אויסגעבראָכן אין אַ ביטער געוויין. ווי אַזוי זאָל איך עס איר דערקלערן?

צו מאָרגנס זענען מיר אַרויסגעפאָרן פון טשערנאָוויץ. מײַן טשערנאָוויץ איז נישט פאַראַן, איך וועל עס קיין מאָל מער נישט זען. מיר פאָרן צו דער רומענישער גרענעץ. עס שטייען דאָרטן אַ סך מאַשינען אין דער ריי, וואָס וואַרטן שוין מסתּמא עטלעכע טעג. אונדזער באַגלייטער האָט אָבער זיך באַלד געספּראָוועט מיט דער גרענעץ־וואַך און מיר זענען אַריבער אויף דער רומענישער זײַט. דאָ האָבן זיך געיאָוועט נײַע צרות. די רומענער האָבן געפונען סאַמאָוואַרן אין אונדזער באַגאַזש און האָבן געטענהט אַז ס׳איז „קאָנטראַבאַנדע״. וואָס מיר שרײַען אַז עס זענען בלויז „סוווענירן״, עס העלפט נישט. פּאָר איטלעכן סאַמאָוואַר האָבן מיר געדאַרפט באַצאָלן דרײַצן דאָלאַר. אַזוי האָבן זיי געוואָלט.

מיר קומען אין אַ שטעטל, ווּ ס׳איז פאַראַן נאָר איין רעסטאָראַן, ווּ מען נעמט בלויז אָן רומעניש געלט. אַ גליק וואָס איך האָב בײַ זיך געהאַט דרײַ הונדערט ליי רומעניש געלט, וואָס אַ תּל־אביבער חברטע האָט מיר מיטגעגעבן פאַרן פאָרן. האָבן מיר באַשטעלט זעקס פּאָרציעס עסן, צו פופציק ליי אַ פּאָרציע, און מיר האָבן זיך דערמיט אײַנגעטיילט. איך האָב נאָך דערצו באַקומען הייס וואַסער פאַר טיי.

צום סוף זענען מיר געפאָרן קיין ראַדעוויץ — אַ מקום וואָס איך האָב בעצם מער קיין מאָל נישט געוואָלט זען. איך האָב מורא געהאַט, אַז אין דער שטאָט ווּ כ׳בין געבוירן געוואָרן וועט מיך יעדער שטיין דערמאָנען אין וואָס איך קען נישט פאַרגעסן.

די מאַשין האָט זיך אָפּגעשטעלט אין צענטער פון דער שטאָט. איך האָב באַלד דערקענט די קייטן, וואָס זענען גע־

האַנגען אין פּאַרק. פֿון דער װײַטנס האָב איך דערזען דעם גרױסן טעמפּל. איך האָב אָבער בלױז געװאָלט זײַן אױפֿן ראַדעװיצער בית־עולם, װוּ עס ליגט מײַן זיידע, דער פֿרומער ייִד, װאָס איז כּמעט אַלע זײַנע טעג אָפּגעזעסן אין בית־מדרש. פֿאַרן טױט האָט ער מיך צוגערופֿן צו זיך און מיר אָנגעזאָגט איך זאָל זײַן אַ װױל קינד, אָפּגעבן כּבוד טאַטע־מאַמע און, חלילה, נישט פֿאַרשעמען די משפּחה.

אױף זײַן קבר איז געשטאַנען אַ מצבה אױסגעהאַקט װי אַ ספֿר־תּורה. צו מײַן איבערראַשונג איז דער בית־עולם אַרומגערינגלט מיט אַ פּלױט און דער אַרײַנגאַנג איז באַװאָרנט מיט אַן אײַזערנער טיר מיט אַ שלאָס. מען האָט, הײסט עס, געהיט דעם בית־עולם, מע זאָל נישט גנבֿענען די מצבֿות. מיר האָבן נישט געװוּסט בײַ װעמען עס געפֿינט זיך דער שליסל. איך בין געבליבן פֿון דער זײַט פּלױט און זיך אָפּגעזאָגט צו פֿאָרן אַרום און אַרום, כּדי צו געפֿינען אַן אַנדערן אַרײַנגאַנג. מיך האָט שױן געצױגן צו פֿאָרן אַהײם.

איך בין װידער אין תּל־אָבֿיבֿ. ס'איז גוט צו קומען אַהײם. איך װײס נישט צי איך האָב גוט געטאָן װאָס איך האָב געמאַכט אָט די נסיעה, איך װײס אָבער אַז מיט אָט דער נסיעה האָט זיך פֿאַרמאַכט דער רינג פֿון מײַן גורל, פֿון מײַן משפּחה־גורל. עס מעג שױן קומען װאָס עס װיל, איך בין גרײט . . .